293

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־1 (העפט 4־483) 32־סטער יאר יאנו.־פעב. 1971, לאנדאן

אינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| ביים מאנדלבוים טויער א.א. | *** | 3 |
| די קאנסאלידאציע פון דער איצטיקער קולטור־עפאכע | יעקב ריכטיגער | 12 |
| דער באלעט ביים סערפענטיין־טייכל ........ | דוד בערמאן | 15 |
| צוריק געקומען, מאמע יידיש א.א. (פראזע און פאעזיע) | א. נ. שטענצל | 17 |
| רעיה — טשארלז דיקענסעס שלימותדיקער ייד — | אלגא סומך־פיליפס | 25 |
| ביאליק און חיים גרינבערג א.א. ........ | פאטא | 39 |
| אויף קוצו של יוד (ליד) ........ | הירש אשעראוויטש | 40 |
| מוזיק ........ | מאיר באגדאנסקי | 40 |
| וואס איז געווען און וואס איז געבליבן | נעט רובין | |
| דאס לעצטע ליד פון שמואל וההייט | | |

## יידיש ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סטר. 33, א.1.—3 אזייגער

**מיר בעטן** די צייטונגען און זשורנאלן, וואס באקומען „לשון און לעבן“ צוצושיקן טויש־עקזעמפלארן אויף אונזער נייעם אדרעס.

פרייז 10 פענעס

**דעם בחור הבר-מצוה דוד יותם**, דעם גערעטענעם זון פון דר. מאיר און טעא גערטנער ווינטשן מיר עולה צו זיין לתורה ולגדולה צום נחת פון זיינע עלטערן און אלע זייערע גוטע פריינט.

---

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע :־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England

**מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל.** דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער ארבעט.

---

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

29/126

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2־1 (העפט 4־483) 32־סטער יאר יאנו.־פעב. 1971, לאנדאן


## די באלאדעביים מאנדלבוים - טויער


TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
No:- 870
LC. 1035/19


א סאמעטן מענטעלע דער הימל,
איבער ירושלים נאך חצות,
יעטווידער שטערן א נקודה,
אונטער א פארבארגן קבלה אות.

סודות, רמזים, רזין־דרזין — —
ווער קאן לייענען, א ווארט פארשטיין,
א פארוויקלטער אין טיפער נאכט,
שעהן אזוי בלייב איך שטיין.

נישט ביי דער כותל — מאה שערים,
זיך געצויגן א שטאכלדראט וואנט — —
געשטאכן אזוי עס האט אינם הארץ,
אז נישט געשפירט פארבלוטיקטע האנט.

מורא געהאט בלויז א בליק צו געבן,
אויף מויער גייען וועכטער ארום;
ווי א הינט ביים טויער ר׳איז געלעגן,
מיט אזא פארביסענעם געברום.

ווען די פארמאכטע אויגן געעפנט,
די גאנצע שטאט אין תכלת געהילט,
דער זון־אויפגאנג — די שפאניע פון טלית,
ווי „עם כל הנערים" זיך געפילט.

א מלאך־הגואל אמאל קומען,
אדער אלץ א קינדער־חלום בלויז?
עס רירט אים עמעץ ווער ביים אקסל אן,
א דערשראקענער ער דרייט זיך אויס:

ער זוכט א צענטן קדיש צו זאגן,
אט דארט אין געסל, א צוויי דריי טריט;
א בעל־קבלה, „ותיקין" ס׳גייט גיך,
ווי ער זריזותדיק ר׳גייט מיט אים מיט.



נחמן רובין

## וואס ס׳איז געווען און וואס איז געבליבן

אז מען מישט אויף דעם ערשטן „לשון און לעבן"־אלמאנאך, "ווייטשעפל לעבט", ארויסגעגעבן פון „פריינט פון יידיש־לשון" אין יאר 1951, געפינט מען דארט אפגעדרוקט אויפן ערשטן בלעטל א רשימה פון צוויי און צוואנציק דיכטער און שרייבער, פון וועלכע הער רעדאקטאר פון „לשון און לעבן" האט אין משך פון דרייסיק יאר אפגעדרוקט פאעמען און דערציילונגען. אבער ליידער האט דער טויט אין די לעצטע צוואנציק יאר פון אונז צוגענומען זעכצן פון די חשובסטע לאנדאנער שרייבער — גרויס איז דער פארלוסט פון „פריינט פון יידיש לשון"! אזוי גרויס איז אויך דער פארלוסט פון יידישן זשורנאליסטן פאריין.

אין חודש סעפטעמבער, 1970, איז פון אונז אפגעריסן געווארן אונזער חבר שמואל ווהייט אין עלטער פון ניין און זיבעציק יאר, זעקס און זעכציק פון וועלכע ער האט אפגעגעבן אויף ליטעראריש שאפונגען. אזוי איז אין יאר 1940 דערשינען זיין בוך „נשמה קלאנגען".

ווהייט האט נישט נאר לירישע לידער, נאר אויך הומאריסטישע און חנוכה און פורים פלעגט ער טיילן „חנוכה־געלט" „לאטקעס" און „משלח מנות". די לידער זענען געווען אפנים א פארשפיל צו „פאמאכעט דעם כעלעמער פאעט".

דאס ליד האב איך געפונען אויף ווהייטס טישל נאך זיין פטירה.

שמואל ווהייט

דער טויט האט אין מיין טיר אנגעקלאפט,
איך האב אים ליבלעך אריינגעבעטן:
טויט האט אזוי מאדנע מיך באטראכט
ווען איך האב מיין פלאץ אים אפגעטרעטן.

איך האב טויט און מורא אפגעמאסטן,
ער האט פאר מיין בליק זיך שטארק דערשראקן;
מיטאמאל האט ער אויסגעדונערט,
ווי מיט צען טויזנט טויטן־קלאנגען:

ווייסטו נישט ווער איך בין, דו שוטה?
כ׳האב געשמייכלט: א טויטער צווישן טויטע . . .
קאנסט מיט טויט מיך נישט איבערשרעקן,
ווייל ערגער ווי טויט איז דאס לעבן!

טויט האט מיט ציטערניש מיך פארלאזט,
מיט רוגזה א קלאפ אין טיר געגעבן,
הויך מיט ביטערניש האט ער געשריגן:
„הערט, ערגער ווי טויט איז דאס לעבן"!

אן אורח, שכר מצוה דאך מצוה,
צו אן עליעה מ׳רופט אים אויף,
דעם ירושלים־הימל ער קושט,
די אותיות — שטערן אין אין סוף.

ביים ארויסגיין רופט א זקן אים צו,
מישט א זוהר, א שורה ער ווייזט:
„זעסט דא צוזאמען מיט אלע מענטשן,
וועט ישראל ווערן אויסגעלייזט״.

## צו דער קליקע אין מאסקווע

אונטערגעהאקט ביזגל צום ווארצל,
קוים א פניאק נאך איבערגעבליבן;
אויסגעקארטשעט לעצטן שורש שוין,
ווי וויאן צווישן פינגער צעריבן.

א, די ידים ידי עשיו — —
צו אלצדינג זיינען זיי קאפאבל!
ווי פון אמאליק כוורים,
א לעגענדע פון אונז, א פאבל.

אויב איר דענקט דאס איצט צו ענדיקן,
וואס עמלקן נישט געלונגען,
נישט נאך אונז די מאסקאווער צערקוועס —
פערציק מאל פערציק! — זיך צעקלונגען . . .

זייט איערע הענט רויט־פארבלוטיקט
מיטן טויט פון אונזערע זינגער,
ווי מוזן מיר מיט חשד נאכקוקן
יעדן ריר פון אייערע פינגער.

„טשארניע סאטניע״, „די שווארצע מאה״?
און וואס די בעל־דעה, די רויטע ?!
קולבאק, פעפער, מארקיש, האפשטיין און
נסתר הער פארבארגענער חוטא.

(נאך שטייט ער מיר פאר מיינע אויגן,
זיין שמייכל צי קאן מען פארגעסן?
און הייבטער ער אן צו ריידן — געזאנג,
ווי גאר גלויביק, ווי גאנץ באזעסן.)

פון בושה מען ווערט רויט, אז אזוינס
געשען אונטערן סערפ און האמער;

איין שריט פאראויס און צוויי נאך צוריק,
קרעמאטאריע, חלילה, גאז־קאמער — —

און ווי ווייט האט עס דען געהאלטן
דעמלט מיט „די ווייסע כאלאטן״?
ס׳פנים וואשט זיך דאך רויט פון חרפה —
א רוח אינם טאטנס טאטן!

## „נזם זהב באף חזיר״ (די סטאליניסטן)

אן אייגענעם ממזר צו קוילענען,
אונטער דער שול־מויער אונטער צו ווארפן,
פאר א גלאז בראנפן א זונה זאלס טון,
אז צומאל דאס שוין נישט מער צו באדארפן.

שליחותן מיט שיכורטעס צו שיקן,
אז אליין ס׳אנשיקעניש מען קען ווערן,
מיט איינגעקריצטן קין־צייכן
אויף פארשייט־פארזשאווערט מעשענעם שטערן.

פלאש וואדקא אויסגעזשליאקעט מיט איין שלוק,
מיט א הילך אין גארגל א שנעל געגעבן —
אז דאס מעסער אין דער כאלעווע שטעקט,
וואנס נא־שטיק, וואס שוין דעמלט ידיש לעבן?

ווי ס׳שווישטשען רשעותדיק די אייגעלעך,
ווי כשר די חזיר־פיסלעך זיך שטרעקן;
ווי גאווהדיק־גאווערדיק, ווי שווייניש,
סלינע־שנוק האלט זיך אין איין באלעקן.

ווי דאס כרוקעט, ווי דאס שפריצט מיט בלאטע,
ווי בלוט־פארשכורט די אייגעלעך גלאנצן,
און די פיסלעך ווי ממזריש פלינק שוין,
פארשנאשקעט א קאזאטשאק אויפטאנצן.

ס׳האט דער חזיר די הערנער באקומען,
אין גנאי צעשפיגלט האלט זיך אין איין סטראיען:
אלעמען אויף די הערנער א נעם טון,
אין דער בלוט־קאלוזשע ארומצוראיען.

אז דער נזם זאב באף חזיר,
צי האט עס הען געקענט אנדערש ווערן?
ווען אין דער בלאטע עס וואלגערן זיך
די גאלדן־צעגלאנצטע ליכטיקע שטערן?

פינסטער זיי פארלעשן, זיי גייען אויס,
מעטעארן צעשאטן מיט געברעקל;
אזש עס בלייבט פון זיי אזויפיל די גרויס,
פון א פעטן חזיר ס׳פארדרייטע עקל.

זאת חנוכה תשל״א
30־סטן דעצעמבער, 1970

## „ואהבת לרעך כמוך"

סאקראטעס׳ ממשותדיקער פשט,
הללס פראסט־און־פשוטער פארטייטש — —
דאך אלץ נאך איבער מענטשלעכע קעפ,
געפאך מיט קנוט און געפייף מיט בייטש.

דער מענטשלעכער פארמענטשעטער לייב,
נישט אפאלא־באוואונדערט ער ווערט,
נישט צעאוס־אלימפיש דערהויבן — —
צואה צו באמיסטיקן די ערד.

יענס ערשטע ארכימעדישע ראד,
סטראשידלע אויף לבנה אויפגעשטעלט!
זע, קאמפיוטער־קאטער חשבונט אויס,
לעצטע רגע ושוין פון אונזער וועלט —

ס׳איז דער טעמפ אויסגעשטשערפעטער סערפ,
אויפגעגאנגען צום לעצטן שניט איצט;
ווי שארף־אויסגעשליפן יעדער שפיץ
ס׳ווינקען שטערן קאסאקא צעבליצט.

איינגעקריצט אין אייער שבכתב,*
אונזער ש די־שין — ס׳הייליקסטע אות!
ווי ברידערלעךביידע געבלוטיקט,
און נאך אלצדינג אזויפיל כאאס.

סאקראטעס, טאלסטאי, זעען זיי נישט אויס,
אין צווילינג־הימליש פנים געהאט?
און דאך ביזגעלע היינט־צו־טאג נאך,
דער זעלבער געראנגל אלץ — ושמד.

פון הארץ אונזערס ארויסצורייסן
דעם לעצטן, דעם צער־שמערצלעכסטן אוי — —

---

* אין רוסישן אלפאבעט איז די „שא" אונזער שין.



„אלע יוונים האבן איין פנים",
צי גייט נישט דאס גלייכווערטל אזוי?

„ואהבת לרעך כמוך"—
דער הילל־פתרון אויך בלויז א טרוים?
אין אין־ספיק ווילד־וויסטן געברויז
אן אויפפלאצעדיק שוים בלעזל קוים?

## דעם בלינדן דיאגענעס געזאנג

צעלעכצט געווארן ס׳איז זיין פאס,
אראפגעפאלן רייף נאך רייף;
דיאגענעס מיטן לאמטערן,
דרייט זיך א בלינדער אויף די הייף.

נישט מער א מענטש צו געפינען,
טראגט ער אים מיט זיך דער לאמטער;
אין אים קיינער זיך נישט אנשטויסט,
נישט נכשל ווערן דורך אים ווער.

נישט א ליד זינגט פון אים ארויס,
זיין הארץ צריסן פון געוויין;
און נישט גראשנס פון די פענסטער,
אין האנט פאלן טרערן אריין:

„דו, גרויסער אלעקסאנדער, דו,
אויף אדלער פליסט פון לאנד צו לאנד,
ביזגל דיין לעצטן כזית פלייש,
צעפיקן ר׳וועט דיין אייגענע האנט —

פון אלע הייליקע ציפערס,
וואס פיטאגאראס האט געמאכט,
פון אלע חשבונות זיינע,
איז דאס־א דער סך־הכול — מאכט?

„ווי ראבן הערקולעס לעבער,
אליין מיר אויגן אויסגעפיקט,
נישט מוזן מער צוקוקן כ׳זאל,
ווי מענטש מענטש דערדריקט דערשטיקט.

„און פלאטא מיט זיין רעפובליק,
צומאל דער מושל דער פאעט — —
ווי די געטער אויפן אלימפ,
ער — אין זיין גאלדענעם הימל־בעט.

„אראפגעבראנגט שוין פון הימל
ס׳פייער, וואס האבן מיר דערפון ?
צי איז נישט צעלעכצט געווארן
מיין „פיטער“־פאס פון צופיל זון“?

## הלליזם, העלעניזם, לעגעניזם

„אם אין אני לי מי לי, כשאני לעצמי מה אני ואם לא עכשיו אמתי״
אבות א, י״ד

ווי מזלות, ווי מאטאר־רעדער,
ווי ווינדמילן ווערטער זיך דרייען :
בלויז, אז מ׳זייט אויסעט זאמד אין ווינט,
גיין אויף וונדן און ווייען.

וואסער־ראד פלאפל, וועלן געברויז,
די מיל־שטיינער, אפשר פארשטאנען;
זעמלמעל־מיילער ווערטער מאלן ?
ס׳קאן ווייטער נישט גיין ווי געגאנגען.

טעזן, אנטיטעזן, סינטעזן — —
אז מ׳מוז׳ס מיט ציין־געגריז אויסטייטשן !
בלינדע פערד דרייען שווערע רעדער,
און פאכען איבער זיך די בייטשן.

אז אין מינדסט אטאם־שטויבעלע שוין,
געגייי איצט פון גאנצע גלגלים,
וואסער ווערט ווערטער, וואס געזעצן — —
„כל־דאלים“־זעץ און נאכאלעם.

אויב ירושלים של מעלה,
אויף דער ערד איצט נישט אראפברענגען,
זע, דער גאנצער כדור־הארץ,
מיט זיינע „בריטן“, זיינע „לעגנגען“ —

איין ברענענדיקער שייטער־הויפן !
ווי וועט עס פלאקערן און פלאמען :
איין „רעכט געטון“ איין „לעצטן חסד“,
אלע מענטשן קינדער צוזאמען.

ראשי־תיבות, גמטריאות ?
און די פארמול ציפער וואס זיינען ?!
„קץ־הימים“, אדער דער „אחרית“־
נישט העלפן קיין ווינען קיין טענה׳ן.



ס׳וועט זיין שוין איינמאל א בראנד־אפער,
פאר אלע געטער צום וויל־שמעקן;
קיין נאמען צומאל איבערבלייבן,
מלאך־דומה קומען אויפוועקן.

## טריפטיק

I

אויב דער סימן פון א פאלק נאר זיין ערד,
זיין ווי שארף געשליפן ס׳איז זיין שווערד !
שטארק — געצויגן געפאכעט, געמארשירט,
ביז א זייל שטויב־פראך גאנצע ערד ווערט.

מיר פון אבות־ברכות ליכטיק צעהלט,
דארניק־ס׳פלאמט נביאיש בענטש־געשעלט — —
זע, א ירושלים של מעלה,
פאר אלע מענטשן פעלקער אויפגעשטעלט.

די ערד נישט פיעדעסטאל פאר מאנומענט,
פאר לוציפער־ג אט — גולם־פראמינענט;
ס׳איז פארטיפטער ציפער אונטער דער צונג,
וואס הייליקט ערשט די געלעמטע הענט.

II

מיטן פארמענצן די עשרה־הרוגי מלכות,
זיך געמיטשעט צוויי טויזנט יאר, אבער ווייטער געלעבט;
זייער פלאקערדיקער אטעם, זייערע נשמה פונקן —
פייער־פייגל־אותיות פאר אונזערע אייגן געשוועבט.

בערגעלסאן, מיכאעלס, כאשין, עריק, ווינער, צינבערג — —
די פען שטעלט זיך אפ, טרערן־געטראפ נעמען ווייטער שרייבט —
די הרוגי־מלכות אונזערע פון אצינד זייט איר,
אז אונזער אית א פעניקס־פויגל שוועבט און לעבן בלייבט.

III

ס׳שטילע טרערן געטראפ דעמלט אויף מיין קאפ
פונם לאנד געברענגט פון וואו דו ביסט אוועק,
צי פון דארט שוין אהין געפארן צוריק ?
געוועזן אין דיין ארעם פינטעלע שרעק —

מיט דיינע טרערן, האפשטיין, האסט מיך געזאלבט,
אנגעפילט מיט אזויפיל דערפילטע לייד;

ווען איך דערמאן מיך נאך איצטער דערינען,
אויפגעציטערט פארגליווערט מיין הארץ ושטיל שטייט.

אז א קרבן מוזט זיין געפילט האסט, געוואוסט,
טא וואס שוין גרויס דער חילוק צי דא צי דארט ?
אז אויף עקידה, שוין בעסער מיך אליין
איידער מיין מאמעדיק, מיין יידישלעך ווארט.

## די כותל (א שאפגל-נייע ירושלים-תחינה)

תהום-טיף אין וויט-אויפגעפראלטן אטאם-שפאלט,
ס׳וואגלט דער מענטש שוין ביז פון כף-הקלע ער פאלט,
און דו, הארצעדיקער, לוגסט פון דיינעם הארבארג,
ביזגל די ערד איין ברענענדיקער פייערוווארג ?

מיט גרויס אכפערונג און מיט א שווער פול געמיט,
ווארט אויף לעפצן אפגעוועגט, באשירעמט, באהיט;
נישט טענות, חלילה, נישט איטל קשיות געפרעגט,
תחינהדיק, א תפילה טיף אין הארץ זיך באוועגט.

נישט אויפגערעגט, נישט מיט א מענה-לשון הויך,
נייערט א טראכט, א מחשבה, לויכט אויף אין מוח,
א רעיון טליענדיק, דערבארעמדיק זיך מיט,
און א שיין שטיל אויפגליט אין יעדן מינדסטן גליד —

מענטשן-קינדער געצן פון שטיינער זיך געמאכט,
זייער בלוט און פלייש, קרבנות פאר זיי געבראכט;
דעם ריח-נחוח-ווירויך, זענפטיקן, דערשמעקט,
תאווהדיק-טאנצנדיק, לוסט-פארשלינעט זיך באלעקט.

פון געבליבענעם געביין, ווי פון מירמלשטיין,
טעמפלען געבויט, טורמען אין הימל אריין;
לייכטער שוין אינם זיבעטן אריינצוגיין
איידער זיך אליין דער בן-אדם זאל פארשטיין.

ווי טיף זיך גראבן, דערגרונטעוועז שיכט אויף שיכט,
ביז חשבות-נאכט אויפגעבראכן א ליכטיק ליכט ?
ביז איין מענטש דעם צווייטן — דעם אנדערן ! — דערזעט,
פול גענאד, פול ליבשאפט מיט פרייד און געבעט.

זיך דערגריבלט — פלאסט אויף פלאסט ווי געשטיין זיך לייגט,
הארץ צו הארץ, שטאפלט-צעצאפלט, צו ג אט אויפגייט;
ווי הויך ס׳אויפשטייגט — מויל צו מויל אטעם-הויך דערהערט !
ס׳טיף פארשטיין — צעשריבענער שטיין פארשטאנען ווערט —



נישט נאר ס׳ווארט צו הערן פון ברענענדיקן סנה,
נאר צו ריידן מיט אים אליין שוין פה-אל-פה,
באשיינפערלעך מיט די אויגן עס צו דערזען,
אלץ העכער, פארטיפטער, אלץ נענטער מענטש געזען — —

קיזל און קיזל געריבן פונקען צעשפריצט,
פארשטייענדיקס אות באות דיעמנטן געקריצט —
א גלגלתא-בארג הויך געטורעמט קעפ אויף קעפ,
אלאבאסטער-ווייס געטעסעטע מירמלשטיין טרעפ —

פאר שישים רבוא צוויי שטיינער גענוג געווען,
די שני לוחות הברית, מיט געבאטן קוים צען;
גארע וועלט, אלע מענטשן קינדער שוין פארשטיין,
א גאנצע וואנט אצינדער צעקריצט איצט מוז זיין.

ניין, נישט קיין „מנא מנא תקל״-חלומות מער,
מענטשן-קינד, בן-אדם, וואך זיי, פארנעם און הער :
דא נאר איין-איינציקע ברכה, איין ג אט-געבענטש —
די ליבשאפט, די געטריישאפט פון מענטש צו מענטש !

אן רחמנות, אן גוטסקייט דער מענטש וואס איז ער !
א חיה אין וואלד, אין מדבר א שלאנג — נישט מער.
ג אט וואס דו ביזט דערבארעמדיק און לויטער גנאד,
בילד פון דיין בילד מען מוז זיין, פונקט ווי דו גראד.

דער איינציקער סוד-יסוד אויף וואס ס׳שטייט די וועלט,
אויב נישט איז בלינד-טאפנדיקע וואנט אויפגעשטעלט,
איז גאנצער ערד-קיילעך איין אויסגעשפרייטע נעץ,
און איינער פארן אנדערן שטיינערנער נעץ.

ושאנד און בראנד-קרבן, און עקידה אייגן קינד !
אזוי געווען אמאל דאך, אזוי נאך אצינד —
„אל תשלח ידך״ — — ניין, ס׳קאן מער אזוי נישט זיין ! !
אן ערוב כותל-מערבי געבליבן שטיין,

פונדאמענט געגרונדפעסטיקט, אייביקלעך צו זיין,
די מויער זיך אנצולענען — נאר דו אליין :
מענטש אין מענטש, מיט עכט דערפילן, מיט רעכט פארשטיין —
אלעמענס הערצער איין ברידערלעכער פארשטיין.

אמן, כן יהי רצון, אמן ואמן.

דער שרייבער און מלומד **יעקב ריכטיגער** געפינט זיך אין שפיטאל אויף אן אפעראציע, מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

# די קאנסאלידאציע פון דער איצטיקער קולטור עפאכע

נאכן לעצטן נצחון פון די ערד ארבעטער איבער די שאף פאסטוכער, וואס געפינט זיך רעקארדירט אין תורת משה מיט דער פאלקלאריסטישער מעשה וועגן א בלוטיקן קולטור קאמף צווישן צוויי ברידער קין און הבל, האט זיך די איצטיקע קולטור עפאכע אנגעהויבן צו קאנסאלידירן. די מלאכה פון אגריקולטור איז מער און מער פארשפרייט געווארן ביי די ביז אהער וואנדערנדיקע מענטשן שטאמען, און אזוי ווי טאג איין טאג אויס זענען זיי געווען באשעפטיקט מיט אקערן, זייען אדער באוואסערן די איינגעפלאנצטע זוימען, כדי די שפייז פארן קומענדיקן יאר זאל וואקסן, זענען זיי געבליבן זיצן נעבן זייערע פעלדער, פון וואס די ערשטע פערמאנענטע ישובים האבן זיך געשאפן.

אבער דער געזעלשאפטלעכער סיסטעם אין די פערמאנענטע אגריקולטור ישובים איז געבליבן אזוי ווי געווען אין דער אלטער שאף פאסטוך קולטור. מחמת דעם וואס די שאף פאסטוכער האבן כסדר געדארפט וואנדערן פון געגנט צו געגנט כדי צו זוכן די אין דער ווילד וואקסנדיקע פאשע פאר זייערע סטאדעס און גרינצייג אדער פרוכטן פאר זייער אייגענער דערנערונג האבן זיי געלעבט קאלעקטיוויסטיש; אלעס האט אנגעהערט צו אלעמען אין דער גרופע: יעדער מאן אדער פרוי איז געווען בארעכטיקט צו האבן סעקסועלע פארבינדונג מיט וועמען זיי האבן געגלוסט און געגוסן פון געפינענעם עסן ווי זיי האבן געוואלט, גראד אזוי ווי דער סדר איז ביי חיות און בהמות.

א סך הונדערטער יארן איז, דער איבערגענומענער לעבנסשטייגער פון די שאף פאסטוכער, געווען דער געזעלשאפטליכער סיסטעם פון די פערמאנענטע אגריקולטור ישובים, ביז עס האט אויסגעבראכן א רעוואלוציע קעגן דעם אלטן לעבנסשטייגער. אבער די פארענדערונג האט געקאנט קומען אויף א פרידלעכן אופן — דורך עוואלוציע — ווי תורת משה האט געזאגט צו קין דעם ערד ארבעטער, „אם תטיב שאת“: אויב דו וועסט גוטס טוען וועט ניט פארקומען קיין קאנפליקטן. די סיבה פון זוכן א פארענדערונג אין לעבנסשטייגער איז געווען פארשטענדלעך. די ערד ארבעטער האבן ניט קיין צייט געהאט צו פלירטן מיט פרויען, ווי די שאף פאסטוכער, און זענען אויך ניט גרייט געווען צו טיילן זיך מיט לידיקגעער, וואס זיי האבן פראדוצירט מיטן שווייס פון זייער פנים, זענען פרויען געבליבן באהאפטן צו די מענער מיט וועלכע זיי האבן צוזאמען געארבעט אין פעלד פאר זייער און זייערע קינדערס דערנערונג, וואס דערפון האט זיך אנטוויקלט די פאמיליע צוזאמענלעבונג.

דער ערשטער שריט אויפן וועג צו דעם נייעם געזעלשאפטלעכן סיסטעם אין די פערמאנענטע אגריקולטור ישובים איז טאקע געווען דאס איינפירן פון חתונה האבן. א באשטעטיקונג דערויף געפינט מען אין תורת משה, זי האט רעקארדירט די נעמען פון אלע מנהיגים צווישן די צייט פון קין ביז



למך ניט דערמאנענדיק, אז זיי האבן חתונה געהאט און אויך ניט אנגעגעבן די נעמען פון די פרויען וואס האבן געבארן זייערע קינדער. פלוצים בעת רעקארדירן דעם נאמען פון זעקסטן דור דערציילט זי, אז ער האט חתונה געהאט און מיט וועמען — זי זאגט — „ויקח למך שתי נשים שם האחת עדה ושם השנית צלה“: למך האט גענומען צוויי ווייבער, דער נאמען פון איינע איז געווען עדה און דער נאמען פון דער צווייטער צלה.

אויב תורת משה וואלט דערמיט געמיינט אנצווייזן אז ביז למך האבן אלע חתונה געהאט אדער געלעבט מיט איין ווייב און למך איז געווען דער ערשטער צו נעמען צוויי ווייבער האט זי ניט נויטיק געהאט אנצוגעבן זייערע נעמען. מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען, אז דאס אנגעבן פון די נעמען איז א באטאנונג אויף דעם נייעם סיסטעם, וואס מען האט דעמאלט איינגעפירט, א סיסטעם פון מאן און ווייב צוזאמענלעבונג. אנשטאט וואס ביז דעמאלט איז די סעקסועלע צוזאמענלעבונג געווען א פרייע און דערפאר א נאמענלאזע, איז איצט געווארן א פאמיליע צוזאמענלעבונג; יעדער האט געוווסט אז עדה און צלה זענען למך׳ס ווייבער זיי לעבן נאר מיט אים, ניט מיט אנדערע מענער.

אז ערשט נאכן איינפירן דעם סיסטעם פון מאן און ווייב אדער פאמיליע צוזאמענלעבונג האט זיך אן אנדערער געזעלשאפטלעכער סיסטעם אנגעהויבן צו אנטוויקלען אין די פערמאנענטע ערד ארבעטער ישובים איז צו זען פון דער זעלבער פאלקלאריסטישע געשיכטע אין תורת משה. — „ותלד עדה את יבל, הוא היה אבי יושב אהל ומקנה“: עדה האט געווינען א זון מיטן נאמען יבל, ער איז געווען דער ערשטער וואס האט איינגעפירט צו וווינען באזונדער אין געצעלט, ניט מער מיט דער גרופע, און איז געווען דער ערשטער בהמה הענדלער. אזוי האט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען דער איצטיקער סיסטעם פון פריוואט לעבן און באשעפטיקונג.

זיין ברודער — דערציילט ווייטער תורת משה — האט געהייסן יובל, ער איז געווען דער ערשטער קינסטלער אין דער איצטיקער ערד ארבעט קולטור. — „הוא היה אבי כל תפש כנור ועוגב“: ער האט אויסגעפינען צו מאכן און שפילן א הארפע און א פלייט, וואס באטאנט נאך מער די פארשפרייטונג פון פריוואט איניציאטיווע אין דעם דעמאלטיקן געזעלשאפטלעכן סיסטעם. ארבעטן אין פעלדער אדער גערטנער איז נאך מעגלעך געווען אין קאלעקטיוו, אבער ניט קינסטלערישע שאפונג ווייל דאס פארלאנגט איינגעבוירענע פעיקייט, פערזענלעכער טאלענט און אויסדרוק וואס איז אנדערש פון מענטש צו מענטש.

צלה דאס צווייטע ווייב פון למך — זאגט תורת משה — האט אויך געהאט צוויי קינדער א זון און א טאכטער. איר זון תובל קין איז געווען דער ערשטער מעטאל ארבעטער, דערמיט האט תורת משה רעקארדירט די צייט ווען דער איצטיקער מענטשנמין פון דער ערד ארבעט קולטור איז איבערגעגאנגען פון דער שטיין פעריאדע — פון אויסטשעשען אלע זיינע כלים פון שטיין

צו דער מעטאל פעריאדע — אויסצושמידן און אויסשלייפן פון קופער, בראנז אדער אייזן מכשירים פאר זיין טעגלעך געברויך און כלי זין צו פארטיידיקן זיך, וואס ווערט נאך פארפולקומט ביזן היינטיקן טאג און די טאכטער פון צלה האט געהייסן נעמה, זי זאל, לויט די מפרשים פון תורת משה, האבן געווען די ערשטע דיכטערין, זי זאל האבן פארפאסט פאעזיעס און זיי געזינגען.

אויך אז די פארענדערונגען אין דעם געזעלשאפטלעכן סיסטעם, פון דער איצטיקער אדער ערד ארבעט קולטור זענען געקומען דורך א בלוטיקע רעוואלוציע, ווייזט זיך קלאר ארויס פון דער ווייטערדיקער דערציילונג אין תורת משה, די ווייבער פון למך האבן ניט געוואלט לעבן מיט אים, ווייל ער איז קראנק געווארן, עס האט אויסגעשלאגן אויף זיין קערפער ווונדן אוןביילן, „ויאמר למך לנשיו“: האט ער זיך אויסגעטענהט מיט זיי, ער האט געזאגט — מיינע ווונדן זענען ארויסגעקומען פון די שלעק וואס איך האב געקריגן אין דער מלחמה קעגן קין און זיינע קינדער ווייל איך האב רעוואלטירט קעגן די טראדיציאנעלע געזעצן און חתונה געהאט מיט אייך. קין׳ס לעבנסשטייגער האט אנגעהאלטן זיבן דורות און מיינער וועט אנהאלטן זיבנעןזיבעציק.

דערווייל האבן זיך א נייע גרופע מענטשן באוויזן אויפן געשיכטלעכן האריזאנט, זייער שטאם פאטער איז געווען „שת“, אפשר הענדלער און בעלי מלאכות אויפגעוואקסן אין שטעדט, נאך דער פריער באשריבענער רעוואלוציע. אזוי ווי זיי זענען ניט געווען איינגעשפאנט אין שווערן יאך ווי די ערד ארבעטער האבן זיי געהאט צייט צו פארטראכטן זיך וועגן גורל פון די מענטשנקינדער אויף דער וועלט און אנגעהויבן רופן פאר הילף אין נאמען פון גאט. (בראשית ד׳) לויט די מפרשים פון תורת משה איז זייער פארשטעלונג וועגן גאט געווען א פרימיטיווע אדער א געצנדינערישע, וואס איז טאקע אין איינשטימיקייט מיט דעם ווייטערדיקן אויספיר.

ווי שוין אנגעוויזן אין א פאריקער עסיי זאל מען האבן אין דער שאף פאסטוך קולטור איינגעפירט פארצוגרייטן עסן פאר די ווילדע חיות. די סיבה איז געווען א פראגמאטישע, אזוי ווי די ווילדע חיות זענען נאכגעלאפן די וואנדערנדיקע פאסטוכער און פארצוקט די בעסטע שאף פון זייערע סטאדעס. האבן די שאף פאסטוכער איינגעפירט אוועק צו לייגן א געבינדן ציגעלע, לעמעלע אדער קעלבעל אויף א הויכן ארט נעבן זייער רופלאץ, אז די פארצוקנדיקע חיות זאלן זיך אנפרעסן און ניט אנפאלן אויף די סטאדעס.

דער מנהג צו פאציפיצירן די פארניכטנדיקע נאכלויפער האט די ערד ארבעט קולטור איבערגענומען, אבער די פראגמאטישע סיבה פון הונגעריקע ווילדע חיות האט ניט קיין זינען געהאט אין די פערמאנענטע ישובים פון דערפער און שטעדט. די דאגות פון זיי זענען לגמרי געווען אנדערע, זיי האבן מורא געהאט פאר הונגער, דארשט און טויט, אדער פארפלייצונגען, שטורמווינדן און מגפות, אזוי איז די אמאליקע פראגמאטישע סיבה פארוואנדעלט געווארן אין א מיסטעריעזע, מען האט מקריב געווען קרבנות און



געברענגט מתנות צו א פארבארגענע קראפט אדער א גאטהייט, וואס מען האט געגלויבט אז גוט און שלעכט ליגט אין אירע הענט, כדי זי זאל די ישובים מיט די איינוווינער באשירעמען.

א געשיכטלעכער אפקלאנג פון דער מיסטעריעזער גאטהייט געפינט זיך אין הער מיטאלאגיע פון אלט מצרישן אסירים קולט, דער גאט פון שלעכטס, אין אפאזיציע צו אסירים, דער גאט פון גוטס, האט געהייסן „סעט“, אזוי ווי הער פון דער נייער גרופע מענטשן, פארשטייט זיך, מחמת דעם וואס יעדער יחיד און יעדע חברותא מענטשן האבן געוועגלעך אן אנדערע בילדלעכע פארשטעלונג פון דעם מיסטעריעזן גאט, האט זיך דעמאלט אנגעהויבן פארשפרייטן געצנדינסט צווישן די מענטשנקינדעטר, אזוי ווי די מפרשים פון תורת משה טייטשן אויס דעם פסוק „אז הוחל לקרא בשם ה׳“: דעמאלט האט מען אנגעהויבן דינען געצנבילדער. (בראשית ד׳ י״ב).

ווי מען זעט האבן זיך דעמאלט נאך דער למך רעוואלוציע אלע בראנזשעס פון דער איצטיקער קולטור אנגעהויבן צו קאנסאלידירן. קיין נייע זענען זינט דעמאלט ניט צוגעקומען, נאר זיי האבן זיך ווייטער אנטוויקעלט. פאמיליע צוזאמענלעבונג און פריוואט באזיץ איז געבליבן דער יסוד פון געזעלשאפטלעכן סיסטעם ביזן היינטיקן טאג. אזוי איז אויך קונסט, טעכניק, ליטעראטור און רעליגיע געבליבן די באשעפטיקונג פון מענטשנמין. אבער די מערקווערדיקייט פון דעם אלעם איז, וואס אין קיין אנדערע דאקומענטן פון יענע אלטע צייטן ווערט ניט פארמאלדן די דעמאלטיקע רעוואלוציא אין אלע אירע דעטיילס, אויסער אין תורת משה . . .

דוד בערמאן

## דער באלעט ביים סערפענטיין - טייכל, הייד - פארק

א געוויסן שיינעם זומער־טאג זיץ איך מיר אזוי ביים סערפענטיין־טייכל, אין הייד־פארק, און באוואונדער די זעגל־שיפלעך ווי זיי ווערן געטריבן פון א זאנפטיק ווינטל. קענטיק, אז די יונגע בחורים און מיידלעך האבן פיל פארגעניגן פונם ארומפארן מיט זייערע שיפעלעך אויף אט דער אזיערע אונטערן בלויען, זוניקן הימל.

איך אליין פיל מיך אזוי איינזאם, זיצנדיק אויף א שטול און צוקוקנדיק ווי א שוואן שווימט זיך אזוי לאנגזאם און דערנענטערט זיך צו מיר. מסתמא בין איך איינגעשלאפן, ווייל עס האט זיך מיר געמוזט חלומען, אז דער שוואן גליטשט זיך אויף א טייכל צווישן א שלל פון ווייסע ליליעס. עס האט מיר געברענגט אויפן זכרון א מיידל, אין וועלכן איך האב מיך אמאל זער געליבט. זי איז געווען א בלומען־פארקויפערין.

באמערקט האב איך זי צום ערשטן מאל דורכן גרויסן שויפענסטער פון איר בלומען־געשעפט און זי האט זיך אזוי גראציעז באוועגן צווישן די פארשידענע געוויקסן, וואס זי האט באשיינפערלעך זער ליב געהאט. זי אליין האט געהייסן רויזעלע און פונקט ווי איר נאמען אזוי איז איר גאנג געווען

מיט חן ממש ווי ביי א באלערינע.

איר קליידל איז געווען מיט רויזן באבלימלט און אויף אירע קליינינקע פיסעלעך האט זי געטראגן אפאר באצויבערנדיקע ווייסע באלעט־שיכעלעך. לייכט און גיך האט זי זיך געדרייט פון ארט צו ארט, ווי טאנצנדיק בשעת־מעשה אויף די שפיץ פוס־פינגער.

זי פלעגט מיר שענקען א שמייכל יעדעס מאל זי האט מיך באמערקט. זי פלעגט צו קומען צום שויפענסטער, און אונזערע ליפן האבן זיך פלאטאניש געטראפן תמיד נאר ביים גלאז פון פענסטער!

אט דאס פענסטער, דאס פענסטער איז די מחיצה צווישן אונז. גערן האב איך זי געוואלט ארומנעמען און האלטן אין מיינע ארעמס, אבער עס איז דאך נישט מעגלעך געווען. בלויז דאס גלעזערנע פענסטער האב איך געקענט אנרירן און קוקן דורך דעם מיט בענקשאפט אויף מיין געליבטער רויזעלע...

אמאל האב איך זי געזען אויפהויבן א קריסטאלן גארטן־קענדל צו באוואסערן אירע בלימעלעך. ווי זי האט באוואסערט א בלימל, האט עס זיך פארוואנדלט אין א יונג מיידעלע; אן אנדערס האט זיך פארוואנדלט אין א יונג בחורל. ביידע האבן זיך גענומען פאר די הענטלעך און אוועק טאנצן ביז אין דער ווייטקייט אוועק. כסדר האבן זיך אלע פארוואנדלט אין מיידעלעך און בחורימלעך, וואס האבן מיט גרויס חשק און פרייד זיך גענומען פאר די הענט טאנצן איינס מיטן אנדערן. געבליבן איז בלויז דער סלאנעטשניק, די זון־בלום, אין א ווינקל פון פענסטער פון געשעפט צוזאמען מיט רויזעלען און מיר. ווען זי האט באוואסערט דעם סלאנעטשניק, האט ער גענומען שמייכלען און זיך פארוואנדלען אין א שיינעם יונגערמאן, וואס האט גענומען רויזעלען אין זיינע ארעמס אריין און זי אויפגעהויבן הויך אין דער לופטן, לאנגזאם זי ארונטערלאזנדיק, כדי זיך צו לאזן מיט איר אין א טאנץ — א טרוימענדיקן ליבע־וואלץ.

יעדעס מאל עס איז איר אויסגעקומען זיך צו קערן אין מיין ריכטונג האט זי אויסגערופן מיין נאמען, הגם אין זיינע ארעמס. אבער צו מיין באדויערן בין איך געווען גאנץ הילפסלאז. דאס גלאז איז דאך געשטאנען צווישן אונז!

וואס מער האב איך געקאנט טון ווי אויסרופן איר נאמען און איר פארזיכערן הייליק, אז איך ליב זי זער? זי אבער האט בלויז געשמייכלט צו מיר, טאנצנדיק אומארעמט מיט איר יונגן געליבטן אוועק, ווייט אוועק פון מיר.

צום סוף בין איך גאר געשטאנען ביי א ליידיק שויפענסטער, אין וועלכן מיין אייגענע פיגור האט זיך אפגעשפיגלט . . . די האר האבן מיר אנגעהויבן ווערן גרוי און אויף מיין פנים האבן זיך גענומען ווייזן קנייטשן. אבער יענע געשטאלט פון מיין געליבטער איז נאך אלץ דארטן געשטאנען אזוי יונג און הערלעך ווי תמיד פריער, מיט א רויז אין דער האנט.

„קויף מיין רויז," האט זי געזונגען, „קויף די רויז, מיין געטרייער געליבטער, קויף מיין רויז! בלויז ניין פענעס א רויז, בלויז ניין פענעס. ניין



פענעס, ניין פענעס, ניין פענעס!"

מיט א שוידער האב איך מיך אויפגעכאפט פון שלאף, זעענדיק פאר מיר א בילעטן פארקויפער פון פארק. ער איז געשטאנען אריבערגעבויגן איבער מיר און געמאנט ניין פענעס פאר דער שטול, איבערחזרנדיק כסדר „ניין פענעס, סיר, פאר דהי דעק־טשעיר!"

איך האב אים באצאלט דאס געלט און גענומען דעם בילעט פאר דער שטול און מיך אנטשולדיקט פארן כאפן א דרימל. ער האט א לאך געטון, גענומען דאס געלט און זיך געגאנגען זיין וועג, איבערלאזנדיק מיך צו מיינע חלומות.

איך האב נאך בלויז מיך געקאנט צוקוקן ווי גראציעז און אנגענעם דער שוואן שווימט זיך אזוי גליטשנדיק איבערן וואסער אוועק אויפן האריזאנט.

א. נ. שטענצל

## צוריקגעקומען

1

נאך דער צעריסענער, שלאפלאזער נאכט אין שפיטאל, נאך דעם פארמאטערדיקן טאג פון גערעדעריי, בין איך אריינגעפאלן אין א כמעט ליידיקן צוג א „געהרגעטער". ס'איז געווען א שלעפ־צוג און פון דעם מאנאטעם געדריי און געקלאפ פון די רעדער בין איך אריינגעפאלן אין א פעסטן, געזונטן און א חלומלאזן שלאף — ממש אין „הינערפלעט".

ווען כ'בין אויפגעוואכט האב איך געשפירט, אז דער פעסטער באשלוס „אהיים" צו פארן און נאך מער, מסתם, דער פעסטער, אויסרועענדיקער שלאף, האבן מיר געזונט געמאכט — א ווארעמקייט ריזלט איבער מיר; ווי כ'וואלט א פרישע הויט איבער מיין לייב ארויפגעצויגן; ווי בלאנעס וואלטן פון מיינע אויגן אראפגעפאלן — זע די געלקייט פון צווישן מיינע פינגער איז ווי אפגעווישט! און נאך איידער כ'האב מיך אויסגעניוכעט, די הענט מיט א געזונטן ראזמאך צעשטרעקט, האט שוין די פלאטפארמע פון א בערלינער וואקזאל אריינגעקוקט מיט „א היימישן" טומל אין קופע־פענסטער אריין.

געווען נישט ווייט פון דער יידישער געגנט: מינץ־שטראסע, גרענאדיר־שטראסע, ליניען־שטראסע — אלט־איינגעזעסענע, איינגעבאקענע, ווי מיט נאנט־באקאנטע איך דערפריי מיך: א פרייער פויגל צוריק אנגעפלויגן! קיין עול, קיין געפעק; אפילו אויסגעליידיקט פון מיין פעקל כתב־ידן, וואס יארן געטראגן אין מיין בוזעם־קעשענע. אין הויזן־טאש קלינגען א שפאר אביסל מארקן, וואס האבן שוין א גאלד־ווערט, וואס אין א שעה שפעטער וועל איך פאר זיי קאנען באקומען דאס זעלבע, וואס איצט; עס האט צייט, עס יאגט נישט. און אין די האטעלעכלעך דא ארום וועל איך נאך האלבער נאכט נאך באקומען א געלעגער און מיך, ווי אן אלט־איינגעזעסענער, איינמעלדן — ווארום א פאס האב איך דאך אויך! האב איך געשפאנט מיט א לייכטקייט, מיט א פלאטער גאס־אויס גאס־איין, ווי איינער וואס קומט „אהיים" פון

ערגעץ, פון ווייטע מקומות, פון מדינת־הים.

פארן בראונשטיין־הויז, אין דער אויגוסט־שטראסע, בין איך שטיין געבליבן אויף איין פוס, א פויגל וואס דערקענט זיין נעסט און אט פליט ער דערין אריין —

ניין, נישט קיין שטוב איז עס מיט צעפראלטע פענסטער, צוויי אויגן זענען עס, וואס קוקן ארויס; וואס ווייסן מיין אנקומען און דערווארטן מיין אהיימקומען.

מיט איין שפרונג, צו צוויי־דריי שטיגן נעמענדיק, שטיי איך שוין ביי דער טיר און שיע מיט אפענער פרייד, מיט צעפראלטע צוויי ארעמס, טראגט מיך ממש אריבער איבער דער שוועל.

איך ווייס שוין אלץ: מרדכי האט חתונה געהאט מיט מרימען, זי האט אן אפן געשעפט נישט ווייט פונם אלעקסאנדער־פלאץ און מרדכי איז אין ווימאר, אין „בויהויז“ — ער „וואקסט א גרעסע“. העלא האט אויך חתונה געהאט מיטן לאנגן רייך, זיי האבן א ווייך־געשעפט ביים שטעטיגער באנהאף. די גאנצע וואוינונג איצט דא באשטייט פון אים מיט חזקלען — אפילו נישט פון זיי, ווייל א גאנצע וואך איז ער, שיע, אויף מערק און אין די זונטאגן איז ער אויך נישט אין דער היים — ער האט אויך „עמעצן“. . . און חזקלע? ער שלעפט זיך נאך אלץ ארום ווי אויפן עולם התוהו.

„אלץ וואס ס׳איז דא איז דיין, באדין דיך אליין — קאלעגע, זעסט איך קאן שוין אויך גראמען . . . כ׳מוז לויפן, זי ווארט אויף מיר!“

דער קלאפ אין טיר, שיעס היימיש, פריילעך קול, די באקאנטע שטוב, דאס ממש אויפגעציטערטע,—פונם קלאפ!—איינגערעמטע בילד אויף דער וואנט „די קאץ“ מיטן הויך־פינקלענדיקן רוקן, מיטן ציטערדיק־אויפגעהויבענעם עק, דאס צייטיק בילד מרדכיס פון יענע יארן, האבן אויפגעוועקט „די פארגאנגענהייט“ — די יארן 21־24 ווי עפעס א פארגאנגענע עפאכע, וואס ליגט הינטער מיר נישט ווי יארן, נאר ווי גאנצע דורות.

און ווי דעמלט זיצנדיק אפגעשלאסן אויפן רעוויר אין דער האאג — געפראוווט צוזאמענצופאסן די צוויי געלעבטע יארן אין האלאנד אין דעם פארפאסטן ראמאן „שניטצייט“, וואס קוים צוויי קאפיטלעך דערפון זענען געדרוקט געווארן און איבערגעדרוקט געווארן און דער איבריקער כתב־יד איז צוזאם מיט ד״ר עליאשעווס טויט פארפאלן געווארן — האב איך מיך אן שום שהיות אנידערגעזעצט צום טיש, וואו טינט און פעדער, פאפיר צום שרייבן, ליגן ממש ווי צוגעגרייט —

מאדנע ווי „די זאכן“ ליגן אזוי נאנט, ווי איינס איז געקייטלט אין צווייטן: ארויס פון שפיטאל, אריין אין צוג און דירעקט דא צום טיש —

ניין, איך מוז געפינען דעם וועג, די פארם, אין פופצן־צוואנציק זייטלעך מוז אלץ זיין אפגעשלאסן, גאנץ ווי אין א ליד; כ׳טאר נישט ווארטן אויף די מגלעכקייטן — כ׳מוז זיי מיר אליין באשאפן!

בכלל, צי זענען דען נויטיק פרטים, פינקטלעך־אויסגעפינטלטע רעאלי־



טעט? עס מוז זיך ארויסרייסן ווי טליענדיקס פון אונטער אש —

צי איז דען נויטיק און צי מעג מען דען אפילו אלץ אויפדעקן? מ׳מוז זיין מכסה צוויי טפחים, כדי צו קענען מגלה זיין איין טפח . . .

דאס בילד פון קאנדינסקי, וואס קוקט אראפ פון דער וואנט, עס איז דאך בלויז א געמיש פון קאלירן, גארנישט דערציילט עס און אלע פרטים ווייסן מיר — נישט נאר אין דער מאלעריי מוז אזוי זיין, נאר אויך אין שרייבן.

און דאס קליינע בילדל פון פאול קלעע, זע איבער דער גאנצער וואנט צעוויקלט עס — א גאנצער ראמאן!

„שוין, איך האב עס, אפילו דעם נאמען — ׳וועלקנדיקע בלעטער אין ווינט׳ און נישט מער ווי פופצן־זעכצן זייטלעך, העכסטנס.“

נישט כ׳האב געקוקט אויפן זייגער, נישט כ׳האב אים געהערט גיין; נישט כ׳האב געזעען ווי ס׳איז נאכט געווארן, נישט ווי סהאט אנגעהויבן טאגן — ווי סטרענגעס פון ארבל ארויס זיך געצויגן די שורות!

ווען שיע האט געעפנט די טיר און געזען מיך אזוי א שרייבנדיקן געבויגן איבערן טיש, און די פלינק־אנגעפינטלטע מיט „קאטשערעס און לאפעטעס“ צעווארפענע זייטלעך, האט ער געגעבן דעם זעלבן פריילעכן קלאפ מיט דער טיר ביים צומאכן ווי נעכטן ביים אוועקגיין און ווען איך האב אויפגעהויבן דעם קאפ, האב איך געזען דאס זעלבע שיע־פנים, דאס הנאהדיקע, דאס פריידיק־צעשטראלטע — ווי מיט זיין שטיין אזוי וואלט די צייט מיט אים שטיין געבליבן . . .

„שוין, איך האב עס —“ האב איך מיך אינמיטן זאץ שרייבן א כאפ־אויף געגעבן, אבער תוך כדי בליק נאך א טראכט געטון:

טאקע אזוי, אינמיטן נישט־פארענדיקטן זאץ זאל עס זיך אויסלאזן . . .
טאקע אזוי וועט די גאנצע דערציילונג ערשט טאפלט קלארער ווערן . . .

איך בין אים אקייגנגעלאפן מיט א פריילעך פנים, מיט צעשטראלטע אויגן — מיט דער אפשפיגלונג פון זיין פריידיקייט; מיט דער פרייד פון מיין הארץ, וואס האט עס דאך געשאפן מיט ווייניק זייטלעך צוזאמענצוהאלטן אונזער צעריסענער חברותא פון איידער מיין אוועקפארן —

יא, מ׳האט אונז אלע געזען, ווי אין א רעגן־קאלוזשע אין א סעפטעמבער־טאג; שטיקער שפיגלדיקע זון, וואס צערייסן זיך און באהעפטן זיך . . . יא, א קופע צונויפגעשארטע וועלק־בלעטער, ווילד־אויפגעפלאטערט אין א ווירבל־ווינט . . .

די טעמע איז אזוי רעאל, אזוי פרטימדיק, איך דערקען יעדן איינעם, מיט דער האנט אנצוטאפן, אבער דאך פארשווינדן זיי איינער אין אנדערן — ס׳איז דאך איין חברותא, געטראגן פון איין געדאנק: אלע בליקן געוואנדן צום מאדעל.

אויבן אין פראנט זיצט נאך דאס מאדעל און דאס בילד איז שוין פערטיק. חברה שטייען ארום און ווילן וויסן דעם נאמען.

„וועלק־בלעטער אין ווינט!“ כאפט זיך ארויס ביי איינעם.

„פון וואו ווייסטו ?!“ שרייט דער קינסטלער באגייסטערט.

אין דעם אקארשט אויפגעשריבענעם זענען מיר אלע געווען: פאפא סעגאל, מרדכי, טרודע זשעני, פריילין בארטש.

ארויסגעלויכטן — א „בליקפונקט אין צענטער“! — האט א פליך־קעפל, וואס האט אויסגעזעען ווי דאס הינטערשטע פון א פעטער הון, וואס א באלע־באסטע בלאזט דערויף בשעת זי דינגט אויס דעם פרייז —

די פאר שורות כאטש האב איך שוין געוואלט פארלייענען, אבער ער מיט א שטארקייט, מיט א מין איראניע אינם קול: „מען ווייסט שוין, ׳די פאר שורות׳ מיט די אלע קאטשערעס און לאפעטע ווערסטו מיך קאלביק מאכן, איך וועל מאכן א שטארק טעפעלע קאווע און מיר וועלן זיך די הערצער דערכאפן. דו האסט געארבעט די גאנצע נאכט, מ׳זעט דאך. גלויב מיר איך האב אויך קיין אויג צוגעמאכט . . גוטער ברודער, פארשטאנען?“. ׳ .

יא, שיע האט זיך „געראטעוועט“, האט די זאך נישט געוואלט הערן, אבער ביאליק האט זיך יא צוגעהערט און מיט קאפ ווי כ׳האב עס אויפגע־כאפט מיט א זייטיקן בליק.

* * *

ארויס פון דער אויגוסט־שטראסע, צוקומענדיק מיט א מין רחבות צום אלעקסאנדער־פלאץ און שפירנדיק, אז מיין בוזעם־קעשענע איז נישט מער ליידיק, האב איך מיך צעלאכט:

„שני שדיך . . .“ — מסתם שטעקט אונטער יענעם מגידישן טייטש אויך עפעס א מעשה שהיה . . .

אבער וואו גייט מען יעצט? אין ראמאנישן קאפעע איז נאך צופרי; ארויפ־גיין צו פאפא סעגאל אין איטאליע? האב איך מורא, ס׳וועט זיך ווידער אויפסניי אנהויבן . . .

יא, כ׳וועל גיין מיט א באזוך צו ביאליקן. ער האט דאך מיר געגעבן זיין אדרעס אין לייפציג און מיך איינגעלאדן אים צו באזוכן ווען כ׳וועל זיין אין בערלין.

און צי איז ער דען נישט טאקע דער מרא־דאתרא, וואס אז מען קומט אין זיין שטאט אריין מוז מען ביי אים טאקע קודם־כל אפשטאטן דעם ערשטן באזוך — מיין פריילעכע שטימונג נעמט נאך שטייגן:

ניין, כ׳וועל נישט אראפ אין דער פינסטערער אונטערגרונט־באן. איך וועל מיר אזוי צושפאצירן „ווי ביים טאטן אין ווייגארטן“ ביז צו דער שענעבערג־שטראסע און דערנאך, נאכן באזוך, וועט טאקע זיין גראד די צייט צו גיין אין קאפעע אריין.

ביאליק האט זיך מיט מיר געפריידט; ווען די פרוי האט מיך פון קארי־דאר אריינגעברענגט אין שטוב אריין, האט ער פריילעך צו איר אויסגערופן: „דאס איז דאך דער לייפציגער!“

מאדאם ביאליק האט מיך אנגעקוקט ווי א באקאנטן און געזאגט מיט היימישקייט: „איר וועט שוין מיט אונז מיטהאלטן דעם מיטאג“.



איך האב מיך געוואלט פארענטפערן, אז איך בין נישט געקומען אין דער ריכטיקער באזוך־צייט, אבער געזאגט האב איך:

„רבינו ביאליק, דערפאר וועל איך אייך פארלייענען מיינס אן אקארשט אנגעשריבענע דערציילונג“.

„א, א“ האט ביאליק געזאגט מיט א יידישלעך־קאטאוועסדיקער, גע־מאכטער איראניע: „פון וואו זייט איר שוין אזוי זיכער, אז אייערע פרפראות וועלן ווערט זיין מיין פלוניתטעס מאלצייט? — אירע מאכלים זענען איינס אין דער וועלט;. און פון דעם בעטעמטן סמאטשק מיט די ליפן האט מען עס בפירוש געזעען.

יא, ס׳איז געווען א מיטאג איינס אין דער וועלט — אויף אייביק עס צו געדענקען.

און נאך אלעם שוין, אפילו נאכן גלעזל טיי מיט ווארעניעס, זאגט ביאליק: „כדי זיך אביסל איבערצוגיין נאכן מאלצייט — איר זעט, אז מ׳העלפט צו, גייט עס טאקע געשמאקער“ — די העלפט זאץ איז געווען מיר צו פאר־שפארן זיך אסך צו באדאנקען — „וועל איך אראפ מיט אייך אין גאס אריין“.

זענען מיר אזוי געגאנגען און געגאנגען, און ביאליק האט גערעדט ווי א מעין הנובע וואס אזוינס איז פראזע צום אונטערשיד פון פאעזיע . . . און צי איז באמת דא א ממשותדיקער חילוק . . . ער האט אויך אריינגעווארפן א ווארט איבער מיין פארגעלייענטע „אקארשט אנגעבאקענע“ זאך . . . פאעזיע ברויך מען אפשר נישט אסך איבערצוארבעטן, אויסבעסערן — מ׳קען גיכער קאליע מאכן . . . אבער פראזע מוז מען פיילן, פיילן, פיילן — דער זיידע איז נאדאלץ כשר געקעכט.

מיר זיינען אנגעקומען פאר דער דרייענדיקער טיר פון ראמאנישן קאפעע.

כ׳האב געגעבן א שארפן דריי די טירע, כדי צו מאכן א ברייטן פלאץ ביאליק זאל רחבותדיק קאנן אריינגיין

„ניין, איר זעט, איך האב אפילו קיין רעקל אויף מיר . . . געכאפט אזוי דעם אויבער־מלבוש בלויז“.

איך האב מיך גענומען צוריק אויסדרייען כדי אים אהיים צו באגלייטן.

„ניטא“, האט ער צוריקגעהאלטן די טיר: „ניין, איר גייט אריין. איך וויל זיין מיט זיך אליין“, און דאס קיילכדיקע, שטראלנדיקע ביאליק־פנים האט עפעס מיט איינמאל א גאנץ אנדערע מראה באקומען ווי ס׳וואלט זיך אויסגעצויגן און דאס קול איז אויך ווי אנדערש געווארן:

„איך וויל מיך מיט אייך געזעגענען, איך פאר קומענדיקע טעג אפ קיין ארץ־ישראל און דאס מאל שוין אויף תמיד“.

איך האב אים אנגעקוקט, זיין פנים ווי מיט עפעס פארדעקט עס זיך, און די ווערטער, ווי אויסגעהוילט, ווי זיי וואלטן גערעדט צו זיך:

„זיי ווילן מיך איינשפאנען אין די האלאבלעס“.

איך האב געוואלט עפעס זאגן, א הערשראקענער אפווענדן . . . יידישלעך־היימישלעך אנווינטשן, אבער ער איז שוין מער נישט געווען.

צי האט ער געשפירט, אז ער האט זיך צופיל ארויסגעכאפט? צי בין איך עס געווען דער חייב פון זיין שטימונג — דערשפירט דעם איינגעהאלטענעם לאשאק־געהירזש אין מיר . . . און דורך דעם האט זיך אים ארויסגעכאפט דער זאג . . .

איך האב מיך ארייגעדרייט אין קאפעע א פארלוירענער — יא, א לאשאק וואס בלייבט אליין בין השמשות אויף א לאנקע און די זון איז אין טיפער שקיעה . . .

איך בין אריין, נישט אין גרויסן זאאל, וואס ארייקומענדיק גייט מען אקייגן דעם גרויס־ליכטיקן שפיגל איבער דער גאנצער וואנט . . . איך האב קיינעם נישט געוואלט זעען, אויך נישט מיך אליין . . . (המשך קומט)

## מ א מ ע   י י ד י ש

זאגן אזוינס אויף יידיש, אז עס „פגרט",
דאס קאן נאר בלויז א מין פארסרחהטער שינדער;
זיין נאז שטינקט רק פון נבלות און פגרים,
פון געפאלענע פערד, פון טריפהנע רינדער.

אזא סינאנים פאר טויט, נאר טויט־שונאים
ברענגען קענען פאר זייערע בייזע מיילער;
תמיד גרייט שטייט דער שינדער מיטן מעסער,
ווען די ארבעט שוין אפגעטון ס'האט דער קיילער.

אמת, פארמוטשעט ליגט די מאמע יידיש,
א צעממיטעטע, צעקיילט, צעביילט, צעשטאכן;
קיין גאנץ אבר דער מערדער איר געלאזן,
א פארחלשטע ליגט זי צוזאמענגעבראכן.

די קינדער אבער ארום קראנקער מאמען,
די לעצטע טראפן בלוט איר אוועקצוגעבן,
ארום געלעגער שטייען פארציטערטע —
מיט די אטעמס צו פארלענגערן איר לעבן.

פארמוטשעט ליגט זי, א שווער צעכארכלטע,
בלויז איר בליק ווי גוט, ווי טוליעדיק־באשיידן;
און ווי אומשטערבלעך אלצדינג ארום איר ווערט,
ווען אירע ווערטער מאמעדיק זי נעמט ריידן.

אייביק אזוי ארום דער קראנקער מאמען
לעבן פון איר לעבן די לייבלעכע קינדער —

*   *   *   *

זאגן אזוינס אויף יידיש, אז עס פגרט,
דאס קאן נאר א מין פארסחרהטער שינדער.



## ל ע א   ק ע נ י ג   (א „געדענק"־ליד)

אונזער לעצטער שפאציר דעמלט,
פון ווייטשעפל ביזגל הייד־פארק;
איך גערעדט אזויפיל און ער —
קוקט פארשוויגן, אויף א ווארט קארג.

איך ווי עפעס צו פאררעדן,
ער — פארשווייגן דווקא געוואלט;
ווי א מין חבריש־„לעצטגעלט" —
ס'לעצטע קאוועלע ער באצאלט.

די ליבשאפט זיינע צו לאנדאן,
נישט מפסיק זיין — זייטיק געבליקט:
נאך א לעצטן ווארפט ער איר צו,
בשעת פארשוויגן מיר האנט געדריקט.

צומארגנס דאס קאפעע איז פול,
אבער ווי ס'וואלט קיינער נישט זיין;
אזא ליידיקייט אין געמיט,
אליין כ'לאז מיך אין הייד־פארק גיין.

אצינד ער דארטן נישטא שוין,
אונזער ווייטשעפל אויך נישט מער —
פאר ווער א קאווע באצאלן
צומאל דאס דא נישטא שוין ווער.

## אין א שילכל אין ווייטשעפעל

קומסט אין א שילכל איצט דא און זעסט:
די מנין־מענטשן ארום עמוד שטיין
איבערן ארון די לוחות צוויי,
נר־תמיד ווארפט שוואך זיין יארצייט־ליכט שיין — —
הערסט פאריתומט דאס קדיש זאגן ;
פאלט דיר באלט א טעמא פאר א ליד איין.

פארוואסזשע זעען די לוחות אויס,
ווי מצבות געטעסעטע פון שטיין?
גאט מן־הסתם זאגט אונז צו יידן:
וועט איר די געבאטן מקבל זיין,
איז גוט, אויב נישט וועלן די שטיינער,
ווי מצבות נאך איך דא בלייבן שטיין.

„ברוך שכוונתי"! דעם רעיון,
אין דער גמרא ערגעץ־ווו שטייט שוין —

דער תנא מסתם פאר שול פארביי,
אים גערופן פאר א צענטן פארשוין,
די לוחות איבערן ארון דערזען,
צוויי בייזע לייבן א גילדענע קרוין —

„געבאטן צום לעבן געגעבן,
אן זיי דער מענטש א חיה־רעה בלייבט!
איינער דעם צווייטן אויפצופרעסן,
אייגענעם טאטן דער זון פון הויז טרייבט — —
נעמט איר נעמט איר זיין אם, זיי האלטן — מה טוב
ואם לא — ס׳לעבן אדער דעם טויט אויסקלייבט!"

נאר דאס: אז מיינס א טעמא דא איצט,
מיט א תנא׳ס רעיון טרעפט זיך צוזאם,
און אז דארט און דעמלט א שילכל —
געוועזן איז שוין „ניע טא און ניע טאם",
און גאט זיין דאנק מיר לעבן נאך אלץ,
וועלן מיר ווייטער אויסהאלטן מסתם.

## א תפילה פון א ייד אן אלטן

קיין אקעראייזן כ׳קאן נישט נאכגיין,
קיין געווער די האנט נישט האלטן;
איך געהער שוין צום אלטן אייזן,
וויפל נאך איינגאנצן אויסהאלטן.

כאטש נאך מיינע לעצטע פאר יארן
שפאצירן אויף ישראלס אספאלטן,
און איבער הונדערט און צוואנציק יאר
אין איר ערד מ׳זאל מיך באהאלטן.

זאל דאך צוריקקערן צו איר
הייפן ערד גאט אין האנט געהאלטן,
מיין גוף באמיסטיקן כאטש דאס לאנד —
א תפילה פון א ייד אן אלטן.

## נעט רובינען, צום 70׳סטן געבוירי־אר

פון זיך ארויסצופרעסן זיבציק יאר,
מיט גליענדיקן ביגל־אייזן;
צוגלעטן אין הארצן יעדעס פעלטל
און צעקנייטשט וועלטל די פויסט באוויזן —

ווי ס׳שפריצט, ווי ס׳צישט, ווי מאוס דער סוואנד ארום
זי דאך נאך — א פאר הויזן אויסצופרעסן!
טרעפט מען זיך מיט אזעלכן טאג־טעגלעך,



ווערט ס׳לעבן דערטרעגלעך, נישט דערעסן.
דיך צו בענטשן עד מאה ועשרים,
איז זי דאך אויך אויף מיר חל די ברכה,
און נישט נאר פאר אונז — פאר אלע מענטשן
א לעבן פול פרייד ומתוך הרחבה.

אלגא סומן־פיליפס

## ר ע י ה  טשארלז דיקענסעס שלימותדיקער ייד

אינם פארלעצטן פון טשארלז דיקענסעס ווערק, „אונזער געמיינזאמער פריינט", אנטשולדיקט זיך דער מחבר פאר זיינע יידישע פריינט, וועלכע האבן זיך געפילט געטראפן דורך פייגין אין אליווער טוויסט. הגם נישט איינס פון זיינע בעסטע ביכער, שיילט זיך אבער דערין ארויס דער כאראקטער פון רעיה, דער כמעט צו שלימותדיקער ייד, צווישן א כאפטע אונאנגענעמע גויאישע כאראקטערן, מיט ווייניק אויסנאמען. דזשעני רען, דאס יונגע מיידל, וועמען רעיה ווייזט ארויס אזויפיל גוטסקייט, איז איינע פון די ווייניקע אויסנאמען; זי און אט דער אלטער ייד שטעלן מיט זיך פאר אן אנגענעם פאח, צום באדויערן זענען אסך מער מענטשן באקאנט מיט פייגינען ווי מיט רעיהן, אפשר דערפאר ווייל „אונזער געמיינזאמער פריינט" איז נישט אזא אויסגעצייכנטער ראמאן ווי אליווער טוויסט.

פאקטיש באווייזט רעיה זיך ערשט היפש ווייטלעך אינם בוך, און מיר וועלן דא אנפירן איניקע ציטאטן דערפון.

ער האט געארבעט אין דער סיטי ביי א געוויסן דזשענטלמען, מיטן נאמען פאסינייישאן פלעדזשבי, אנפירנדיק דעם בעל־הבית׳ ריקזיכטסלאזע געשעפטלעכע פארלאנגען ביז צו אבסורד און אננעמענדיק הכנעהדיק פון יענעם כלערליי באליידיקונגען אויפן נאמען ייד.

א געוויסן עפנטלעכן רו טאג האט פלעדזשבי אנגעקלאפט אין דער טיר פון זיין געשעפט און נישט באקומען קיין ענטפער, ווי דיקענס שרייבט:

„פלעדזשבי האט געקלאפט און געקלונגען, און פלעדזשבי האט געקלאפט און געקלונגען, אבער קיינער האט נישט געענטפערט. פלעדזשבי איז אריבער איבערן ענגן געסל און ארויפגעקוקט צום פענסטער פון דער וואוינונג איבערן געשעפט, אבער קיינער האט נישט אראפגעקוקט צו פלעדזשבין. ער איז אריינגעפאלן אין א כעס, איז צוריק אריבער איבערן געסל און גענומען רייסן דאס הויז־גלעקל ווי ס׳וואלט געווען די נאז פון הויז און ער ווי ר׳וואלט גענומען אביישפיל פון זיינע לעצטע הערפארונגען. זיין אויער ביים שליסללאך האט אויסגעזען, סוף כל סוף, אים צו פארזיכערן, אז עמיצער אינעווייניק רירט זיך דאך. דאס אויג זיינס ביים שליסל־לאך שיינט אויס צו באשטעטיקן דאס אויער, מחמת ער האט ביז ווידער גענומען ציען די נאז פון הויז, און געצויגן און געהאלטן אין ציען ביז א מענטשלעכע נאז האט זיך אנטפלעקט אינם טונקעלן קארידאר.

„נו, סיר, איר דארטן!‟ האט פלעדזשבי גענומען שרייען. „וואס איז דאס פאר א שפיל ביי אייך!‟

ער האט גערעדט צו א ייד א זקן אין א פארצייטיקן ראק, לאנג און מיט ברייטע קעשענעס. א ייד א הדרת פנים, מיט א פליך אויפן שפיץ קאפ און גרויע האר, וואס זענען אראפגעפלאסן אויף ביידע זייטן און זיך אויסגעמישט מיט דער בארד. א מענטש, וואס האט מיט א מזרח חן אראפגעבויגן דעם קאפ און אויסגעשטרעקט די הענט, מיט די דלאניעס אראפ, ווי צו באדויערן דעם צארן פון א הויך וואויל־געבוירענעם.

„וואס איז דער מער?‟ האט פלעדזשבי גערעדט מיט שטורם.

„גענעדיקער קריסטלעכער מייסטער‟, האט דער ייד זיך געבעטן, „אזוי ווי ס׳איז א רו טאג, האב איך קיינעם נישט דערוווארט.‟

„צום טייוול מיטן רו טאג!‟ האט פלעדזשבי געזאגט, אריינגייענדיק. „וואס האט איר צו טון מיט רו טעג? פארמאכט די טיר.‟

דער זקן האט געטון ווי פארלאנגט. אינם קארידאר איז געהאנגען זיין נידריקער הוט מיט דער ברייטער דענקע, וואס איז געווען פונקט אזוי אלט ווי דער ראק; אין א ווינקל נאנט איז געשטאנען זיין שטעקן — נישט קיין שטעקן צום שפאצירן, נאר אן אמתער פאסטוך־שטאק. פלעדזשבי איז אריין אין ביורא, זיך אנידערגעזעצט אויף א פאטעל, און ארויפגערוקט דעם הוט. קליינע קעסטלעך זענען געשטאנען אויף פאליצעס אין ביורא, און ביטשלעך קרעלן זענען אראפגעהאנגען. עס האבן זיך דארטן געפונען מוסטערן פון ביליקע זייגערס, און מוסטערן פון ביליקע בלומען־וואזעס, אויסלענדישע שפילצייג, כלערליי.

זיצנדיק אויף דער שטול אזוי מיטן הוט פאררוקט אויף א זייט פון קאפ און שאקלענדיק מיט א פוס, איז די יוגנט פון פלעדזשבי געקומען אזוי בולט צום אויסדרוק אין פארגלייך מיטן יידס זקנה, אבער אן אים צו פארשאפן כבוד. דער זקן איז געשטאנען געבויגן, מיט אן אפגעדעקטן קאפ און די אויגן — וואס ער האט בלויז אויפגעהויבן ביים רעדן — גענייגט צו דער ערד. די מלבושים זיינע זענען געווען פונקט אזוי אפגעטראגן ווי דער הוט אין קארידאר, דאך האט ער נישט געהאט קיין געמיינעם בליק אין זיך. פלעדזשבי אבער הגם שיין געקליידט האט יא אויסגעזעען געמיין.

„איר האט מיר נאך נישט געזאגט וואס איר טוט,‟ האט פלעדזשבי זיך צו אים געווואנדן, קראצנדיק זיך דעם קאפ מיט דער הענקע פון הוט.

„מיין הערר, איך האב בלויז געזוכט צו כאפן אביסל פרישע לופט.‟

„האט עס געקענט זיין אין קעלער, אז איר האט מיך נישט געהערט?‟

„אויפן העכסטן שטאק.‟

„א שיינער אופן צו מאכן געשעפטן, אויף מיין ווארט!‟

„מיין הערר,‟ האט דער זקן געענטפערט מיט אן ערנסטן און גערולדיקן טאן, „צו א מסחר דארף מען האבן צוויי צדדים, און דער רו טאג האט מיך איבערגעלאזן איינעם אליין.‟



אהא, מען קען נישט זיין קונה און סוחר אין איין און דער זעלביקער צייט. דאס איז וואס יידן זאגן, ניין?‟

„מינדעסטנס איז עס דאך אמת, אויב מיר זאגן דאס‟, האט דער זקן אפגעענטפערט מיט א שמייכל.

„אייערע לייט מיזן טיילמאל זאגן דעם אמת, מחמת זיי באנוצן זיך מיט ליגנס גאנץ גענוג,‟ האט פאסינייטשאן פלעדזשבי באמערקט.

„מיין הערר,‟ האט דער אלטער געענטפערט שטיל און מיט רמז, „מען קען געפינען צופיל שקרים ביי מענטשן פון אלע אמונות.‟

געטראפן אין פינטל אריין, האט פאסינייטשאן פלעדזשבי זיך נאך אמאל א קראץ געטון אין קאפ מיט זיין הוט, כדי צו געווינען צייט אפצוענטפערן.

„למשל,‟ האט ער ווידעראנגעהויבן, ווי ער וואלט געהאט דאס לעצטע ווארט, „ווער אחוץ אייך און מיר האט ווען עס איז געהערט פון אן ארימען ייד?‟

„יידן אליין,‟ האט געזאגט דער זקן, אויפהויבנדיק די אויגן פון דער ערד, מיט זיין פריערדיקן שמייכל. „זיי הערן פון ארימע יידן גאנץ אפט, און זענען גוט צו זיי.‟

„אך,‟ האט פלעדזשבי אפגעשטויסן וואס יענער האט געזאגט, „איר אליין ווייסט גאנץ גוט וואס איך מיין. אויב איר וואלט נאר געווען אימשטאנד, וואלט איר מיך געזוכט איבערצוצייגן, אז איר זענט א ייד אן ארימאן. איך אבער ווינטש מיר צו וויסן אויף וויפל איר האט אייך ווירקלעך בארייכערט אויפן חשבון פון מיין פארשטארבענעם בעל־הבית. מעגלעך, אז איך וואלט דעמאלט געהאט א גאנץ אנדערע מיינונג וועגן אייך.‟

דער אלטער האט בלויז אראפגעבויגן דעם קאפ, און אויסגעשטרעקט די הענט ווי פריער.

„מאכט נישט אזעלכע מינעס ווי אין א שולע פאר טויב־שטומע,‟ האט דער כיטרער פלעדזשבי געזאגט, „נאר רעדט ווי א קריסט אויף וויפל דאס איז אייך מעגלעך.‟

„כ׳בין געווען קראנק און געהאט אנדערע אומגליקן, און געווען אזוי ארעם, אז דעם פאטער בין איך שולדיק געבליבן סאי דעם קרן און סאי פראצענט. זיין זון, דער יורש, איז געווען אזוי רחמנותדיק, אז ער האט מיר מוחל געווען ביידע און מיר נאך פארזארגט אט דעם פאסטן דא.‟

ר׳האט געמאכט א זשעסט ווי צו קושן די זוים פון אן אומגעזעענעם מלבוש געטראגן פון דעם מכלומרשט נאבעלען יונגנמאן פאר זיך. עס איז געווען א טאט הכנעהדיק געמאכט און בילדלעך, אבער נישט צו דערנידעריקן דעם טוער.

„איך זע, אז מער וועל איך שוין פון אייך נישט ארויסקריגן,‟ האט פלעזשבי געזאגט, קוקנדיק אויף אים ווי ער וואלט ביי אים געוואלט ארויסרייסן אפאר ציין, „און ס׳האט אייך מער נישט קיין זין אויסצופרעגן ביי אייך. זייט אייך אבער מודה, רעיה; ווער גלויבט אייך, אז איר זענט איצט אן אביון?‟

„קיינער נישט,‟ האט דער זקן אפגעענטפערט.

„איצט גיב איך אייך געה‏עכט,‟ האט פלעדזשבי צוגעשטימט.

„קיינער נישט,‟ האט דער אלטער איבערגעחזרט מיט אן ערנסטן שאקל מיטן קאפ. „יעדער איינער ווארפט עס אפ מיט פאראכטונג אלס אן אויסגעטראכטע מעשה. וואלט איך געזאגט, אז אט דאס געשעפטל מיט לוקסוס ארטיקלען געהערט נישט מיר, נאר געהערט א יונגן קריסטלעכן דזשענטלמען, וואס באשעפטיקט מיך און געטרויט מיר אלץ דא, און וועמען איך בין שולדיק א חשבון פאר יעדער איינציקער קרעל, וואלטן מענטשן זיך אויסגעלאכט פון מיר. ווען אין גרעסערן געשעפט, וואס האט צו טון מיט לייען געלט, איך זאג די מענטשן, וואס קומען בארגן —‟

„הערט נאר, אלטער,‟ האט פלעדזשבי אים אונטערגעבראכן, „האפנטלעך ווייסט איר ווי זיך צו רעכענען מיט די רייד?‟

„מיין הערר, איך זאג זיי נישט מער ווי נאר דאס, וואס כ׳גיי איצט איבערחזרן אייך פאר ווען איך זאג זיי, ׳דאס קאן איך נישט צוזאגן, כבין נישט פאראנטווארטלעך פאר אן אנדערן, איך מוז מיך קודם־כל זעען מיט מיין פרינציפאל, כ׳האב נישט דאס געלט, כ׳בין אן ארימאן און עס האט מיט מיר נישט צו טון,׳ ווילן זיי עס מיר בשום אופן נישט גלויבן און האבן נישט קיין געדולד מיט מיר, און זיי שעלטן מיך אזש אינם נאמען פון ג־אט פון ישראל.‟

„דאס געפעלט מיר,‟ האט פאסינייִשאן פלעדזשבי געזאגט.

„און ביי אנדערע געלעגנהייטן זאגן זיי, „מיסטער רעיה, קאנט איר דאס נישט אמאל מאכן אן די דאזיקע קונצן? נו, נו, מיסטער רעיה, מיר קענען זיך שוין אויף דער ביטערקייט פון אייער פאלק. אויב איר גייט לייען דאס געלט, דערלאנגט זשע עס אהער, דערלאנגט; אויב נישט, האלט זשע עס אייך און דערציילט נישט קיין מעשיות. זיי גלויבן מיר קיינמאל נישט.‟

„אזוי איז עס ריכטיק,‟ זאגט פאסינייִשאן פלעדזשבי.

„זיי זאגן מיר, מיר קענען זיך אויף אייך, מיסטער רעיה, מיר קענען זיך, מען דארף בלויז א קוק טון אויף אייך און מען קען אייך.‟

„יא, יא, איר טויגט אייך פאר אט דער שטעלע,‟ האט פלעדזשבי זיך געטראכט, „און פון מיין זייט איז עס געווען א גוטער איינפאל אייך דערין צו באשעפטיקן! כ׳בין אפשר נישט דער גרויסער חכם, אבער זיכער וועגן דעם בין יא.‟

מיט קיין פיפס אפילו האט פלעדזשבי נישט פארראטן וואס ער האט ביי זיך געטראכט, טאמער וואלט זיין אנגעשטעלטער פארלאנגט דערפאר מער שכירות. נאר קוקנדיק אזוי אויפן זקן ווי יענער איז געשטאנען שטיל מיטן קאפ אראפגעבויגן און די אויגן צו דער ערד, האט ער געפילט, אז אויפצוגעבן בלויז א צאל פון זיין פליך, א צאל פון זיינע גרויע האר, א צאל פון זיין דענקע, א צאל פון זיין שטעקן, וואלט אים געקאסט הונדערטער פונטן.



„רעיה,‟ האט פלעדזשבי זיך צו אים געווענדן אביסל ווייכער, א פועל־יוצא פון זיינע לוינענדיקע מחשבות, „כ׳האב בדעה מיך צו אינטערעסירן אביסל מער מיט אויפקומען שלעכטע אסיגנאציעס. קוקט אייך אום אין אט דער ריכטונג.‟

„מיין הערר, עס וועט אזוי געטון ווערן.‟

„א בליק טוענדיק אויף די חשבונות, איז מיר קלאר געווארן, אז אט דער חלק פון געשעפט לוינט זיך גאנץ נישקשהדיק, און כ׳בין גרייט אט דעם חלק אויסצוברייטערן. קוקט זשע אייך גוט ארום.‟

„מיין הערר, כ׳וועל עס טון גאנץ שנעל.‟

„פארשפרייט א קלאנג, אין די ריכטיקע קרייזן, אז איר זענט גרייט צו קויפן שלעכטע אסיגנאציעס ושטיקערווייז — אויף דער וואג אפילו — האלטנדיק אן אויג צו זעען צי איר האט א גוטע געלעגנהייט אפצושאצן דאס פעקל. נאך א זאך. קומט צו מיר מיט די ביכער, כדי כ׳זאל זיי איבערקוקן פון צייט צו צייט ווי געוועגלעך, אכט אזייגער אין דער פרי.‟ . . .

* * *

א געשטאלט איז פארבייגעגאנגען, און זיך געגאנגען איר וועג, נאר זיך אפגעשטעלט צו כאפן א בליק אויף איר. עס איז געווען די געשטאלט פון אן אלטן מאן מיט אן איינגעבויגענעם קאפ און וואס האט געטראגן אברייטן הוט און א מאנטל מיט לאנגע פאלעס. נאכן וויגערן זיך אביסל האט זיך די געשטאלט אומגעקערט און צוגייענדיק מיט א מינע פון ווייכקייט און מיטלייד געזאגט:

„אנטשולדיקט מיר, פריילין, פאר מיין ווענדן זיך צו אייך, אבער מיר ווייזט עס אויס, אז איר געפינט אייך אונטער עפעס א דרוק. איך קען ממש נישט פארבייגיין און אייך דא איבערלאזן וויינען אייגע אליין, פונקט ווי גארנישט וואלט געשען. מיט וואס קאן איך אייך העלפן? איז דא עפעס א טרייסט פאר אייך?‟

ביים קלאנג פון זיינע פריינטלעכע רייד האט זי אויפגעהויבן דעם קאפ און מיט פרייד געענטפערט, „אה, דאס זענט איר עס, מיסטער רעיה?‟

„טאכטער מיינע,‟ האט דער זקן א זאג געטון, „איך שטיי גאנץ דערשטוינט! איך האב געמיינט כ׳רעד צו א פרעמדן מענטשן. נעם מיין ארעם, נעם מיין ארעם. וואס טוט דיר וויי? ווער האט דיר עס געטון? ארעם מיידל נעבעך!‟

„מיין ברודער האט זיך צעקריגט מיט מיר,‟ האט ליזי געשלוכצט, „און זיך אפגעזאגט פון מיר.‟

„אן אומדאנקבארער פוילענצער איז ער, דער ברודער דיינער,‟ האט דער ייד געזאגט מיט כעס. „לאז אים גיין. קום, טאכטער! קום מיט מיר — עס איז בלויז אויף דער אנדערער זייט גאס — און בארואיק דיך און וויש דיר אויס די אויגן. דערנאך וועל איך דיר באגלייטן איבער די גאסן. ס׳איז

שוין זער שפעט, און דו האסט נאך א מהלך צו גיין, און היינט ביינאכט געפינען זיך אזויפיל מענטשן אינדרויסן."

זי האט אנגענומען זיין הילף, און צוזאמען זענען זיי פאמעלעך אדורכגעגאנגען דעם בית־הקברות. זיי האבן געהאלטן ביים אריינגיין אין דער הויפטגאס ווען אן אנדערע געשטאלט, וואס האט זיך דארט ארומגעשלייכט אומצופרידן, געקוקט ארויף און אראפ איבער דער גאס און ארום און ארום, האט א געשריי געטון, „ליזי, וואו ביסטו געווען? וואס טוט זיך מיט דיר?"

בשעת יודזשין רעיבארן האט אזוי גערעדט צו איר, האט זי זיך נאך מער דערנענטערט צום ייד, און אראפגעבויגן דעם קאפ. מיט איין בליק האט דער ייד אויסגעכאפט דאס גאנצע וועזן יודזשינס, האט אראפגעקוקט צו דער ערד און געבליבן שטיין גאנץ שטיל.

„ליזי, וואס איז מיט דיר?"

„מיסטער רעיבארן, כ׳קען אייך איצט נישט אויסזאגן. כ׳קען עס נישט היינט ביינאכט. ביטע לאזט מיך גיין."

אבער ליזי, כ׳בין דאך ספּעציעל געקומען צו זיין מיט דיר נאכן עסן א מאלצייט אין א רעסטאראן דא אין דער געגנט, ווייל איך ווייס דאך ווען עס איז דיין שעה. און איך האב מיך דא ארומגעשלעפט ווי א וואיט אדער ווי א שמאטע־הענדלער." דאס נאך דעם ווי ער האט א בליק געטון אויף רעיה.

דער ייד האט אויפגעהויבן די אויגן, און ווידער געכאפט א בליק אויף יודזשין, אדורכנעמענדיק אים.

„מיסטער רעיבארן, ביטע, ביטע לאזט מיך אפ מיט מיין באשיצער. און נאך עפעס. ביטע, ביטע גיט אכטונג אויף אייך אליין."

„וואס איז דאס עפעס פאר א סודות?" האט יודזשין געזאגט, מיט אן אויסדרוק פון וואונדער. „אנטשולדיק מיר וואס איך פרעג דיך אין דער אנוועזנהייט פון אט דעם דזשענטלמען, ווער עס איז דער דאזיקער באשיצער דיינער?"

„א פריינט, וואס מען קאן אים געטרויען," האט ליזי געענטפערט.

„איך האב בדעה אים צו באפרייען פון זיין אפוטרופסות," האט יודזשין אפגעשלאגן. „אבער זאג מיר דאך, ליזי, וואס איז מיט דיר?"

„ס׳איז איר ברודער," האט דער זקן געזאגט, ווידער אויפהויבנדיק די אויגן.

„אונזער ברודער?" האט יודזשין ווידער אפגעשלאגן, מיט א מינע פון פאראכטונג. „אונזער ברודער איז נישט ווערט מען זאל פון אים טראכטן און נאך ווייניקער, אז מען זאל איבער אים פארגיסן א טרער. וואס האט אונזער ברודער געטון?"

דער אלטער האט ווידער אויפגעהויבן די אויגן, מיט אן ערנסטן בליק אויף רעיבארן און אן ערנסטן קוק אויף ליזי, ווי איז אזוי געשטאנען און געקוקט אראפ. ביידע זענען געווען אזוי פול מיט באטייטונג, אז אפילו יודזשין האט זיך געמוזט איינהאלטן.



מיט א מינע פון פאלקאמענער געדולד איז געשטאנען דער אלטער ייד, שטיל און מיט די אויגן אראפ, האלטנדיק ליזיס ארעם, פונקט ווי ס׳וואלט געווען אלץ איינס פאר אים דארט צו שטיין און זיך נישט צו רירן א גאנצע נאכט.

„אויב מיסטער אהרן וועט אזוי גוט זיין און מיר איבערלאזן זיין אפוטרופסות, וועט ער זיין גאנץ פריי פאר יעדן עסק וואס ער האט אין שול, האט יודזשין געזאגט, וועמען דער גאנצער ענין איז געווארן פיינלעך. מר. אהרן, וועט איר אזוי גוט זיין?"

אבער דער זקן האט זיך נישט גערירט.

„א גוטע נאכט אייך, מיסטער אהרן," האט יודזשין העפלעך געזאגט: „מיר נויטיקן זיך נישט אייך לענגער אויפצוהאלטן." דאן זיך ווענדנדיק צו ליזי „איז אונזער פריינט מר. אהרן טויב?"

„מיין געהער איז גאנץ גוט, קריסטלעכער דזשענטלמען," האט דער אלטער רואיק געענטפערט; „איך וועל אבער היינט מיך צוהערן בלויז צו איין קול נישט אפצולאזן דאס מיידל איידער איך פיר זי אפ אהיים. אויב זי באגערט עס, וועל איך עס טון. פאר קיין שום אנדערן אבער וועל איך עס בשום אופן נישט טון."

„מעג איך אייך פרעגן פארוואס, מיסטער אהרן?" האט גאנץ רואיק געפרעגט דער יודזשין.

„אנטשולדיקט מיר. אויב זי וועט מיר פרעגן, וועל איך איר זאגן," האט דער אלטער געענטפערט. קיין שום אנדערן וועל איך עס נישט זאגן."

„איך פרעג אייך נישט," האט ליזי געזאגט, „און איך בעט אייך מיך אהיימצופירן. מיסטער רעיבארן, איך האב היינט געהאט א ביטערע נאכט, און איך פארהאף, אז איר וועט מיך נישט האלטן פאר אומדאנקבאר אדער מיסטעריעז אדער פארענדערלעך. כ׳בין עס נישט, כ׳בין בלויז טרויעריק. ביטע נעמט אין אכט וואס כ׳האב אייך געזאגט. ביטע, ביטע גיט אכטונג אויף אייך."

„מיין ליבע ליזי", האט ער איר געענטפערט אין א שטיל קול, אראפבויגנ־זיך צו איר פון דער אנדערער זייט; „פארוואס? פאר וועמען?"

„פאר איינעם, וועמען איר האט לעצטנס געזען און געברענגט אין כעס."

רהאט א קנאק געטון מיט די פינגער און זיך צעלאכט. „קום", האט ער געזאגט, „אזויווי ס׳קען נישט זיין בעסער, וועלן מיר ביידע, מיסטער אהרן און איך, נעמען די אפוטרופסות אויף זיך און דיך אהיימפירן צוזאמען. מר. אהרן פון דער זייט און איך פון יענער זייט. אויב ס׳איז מיסטער אהרן אנגענעם, לאמיר גיין."

ער האט געוואוסט וואס פאר אן איינפלוס ער האט איבער איר. ער האט געוואוסט, אז זי וועט נישט דווקא פארלאנגען ער זאל זי אפלאזן. ער האט עס געוואוסט, אז ווי נאר זי האט זיך גענומען שרעקן איבער אים, וועט זי

זיך נישט פילן גוט כל זמן זי וועט אים נישט זען. ווארום נישט געקוקט אויף זיין מכלומרשטער לייכטזיניקייט און זארגלאזיקייט האט ער געקאנט לייענען די מחשבות פון איר הארץ ווי נאר ער האט עס באגערט . . ."

* * *

אנגעקומען צום הויז, וואו זיין בעל־הבית האט געוואוינט אויפן צווייטן שטאק, איז רעיה ארויפגעגאנגען די טרעפ, און זיך אפגערוט א ווײַלע פאר פאסיניישאן פלעדזשביס טיר. האט זיך נישט באנוצט נישט מיטן גלעקל נישט מיטן קלאפער, נאר האט אנגעקלאפט אויף דער טיר מיט זיין שטאק און נאך דעם ווי ר'האט זיך צוגעהערט און נישט באקומען קיין ענטפער האט ער זיך אנידערגעזעצט פאר דער שוועל. עס איז געווען כאראקטעריסטיש פון זיין הכנעהדיקייט וואס ער פלעגט זיך אנידערזעצן אויף די רויע, אנידערפינסטערע שטיגן פונקט ווי אסך פון זיינע אבות פלעגן מסתמא זיך אנידערזעצן אין תפיסות, אננעמענדיק פאר ליב וואס ס'זאל נישט פאסירן מיט אים.

א צייט שפעטער, ווען ס'איז אים געווארן אזוי קאלט, אז ר'האט גענומען אנווארעמען זיך די פינגער מיטן אטעם פון מויל, האט ער זיך אויפגעשטעלט און ווידער אנגעקלאפט מיטן שטאק, און ווידער זיך צוגעהערט, און ווידער זיך אנידערגעזעצט ווארטן. דריי מאל האט ער אזוי געטון איידער די אויערן זיינע האבן אויפגעכאפט דעם גרוס פון פלעדזשביס קול, שרייענדיק פון בעט, „האלט דעם פיסק! — כ'קום גלייך עפענען די טיר!" נאר אנשטאט טאקע באלד צו קומען איז ער ווידער איינגעשלאפן אין א זיסן שלאף אויף נאך א פערטל שעה אדער אפשר מער, בשעת מעשה איז רעיה זיך ווידער געזעסן אויף די טרעפ מיט פאלקאמענער געדולד.

צום סוף איז די טיר געשטאנען אפן, און מיסטער פלעדזשבי איז צוריק ארייַנגעשפרונגען אין בעט אריין. פאמעלעך און מיט רעספעקט האט רעיה געהאלטן א געוויסן שטח צווישן זיך און אים, ארייַנגייענדיק צו אים אין שלאפצימער אריין, וואו ס'האט געברענט א לעבעדיק פייער אין קאמין.

„וואס איז די סבה וואס איר קומט צו מיר אזוי שפעט אין דער נאכט?" האט פלעדזשבי געפרעגט, אויסדרייענדיק זיך אונטערן בעטגעוואנט, פילנדיק זיך אזוי באקוועם בעת דער זקן איז געשטאנען פאר אים האלב־געפרוירן.

„מיין הערר, ס'איז שוין האלב עלף אין דער פרי."

„צום טייוול, אזוי שפעט איז שוין? ס'איז מסתמא א נעפל?"

„יא, א געדיכטער נעפל, מיין הערר."

„און א רויער פרימארגן?"

„ביטער קאלט," האט רעיה צוגעגעבן, און ארויסנעמענדיק א נאזטיכל און אפווישנדיק זיך די פייכטקייט פון זיין בארד און לאנגע, גרויע האר אזוי שטייענדיק ביים ברעג פון טעפיך, מיט די אויגן אויפן אנגענעמען פייער מיט הנאה האט פלעדזשבי זיך א ווארף געטון אין בעט זיך צו מאכן באקוועם אויפסניי.



„ס'איז דא אסך שניי אדער בלאטע?" האט ער געפרעגט.

„ניין, מיין הערר, ס'איז נישט אזוי שלעכט. די גאסן זענען גאנץ ריין."

„איר דארפט עס נישט אזוי רימען," האט פלעדזשבי אים אפגעשלאגן, אומצופרידן אין זיין באגער צו פארשענערן דעם אונטערשיד צווישן בעט און דער גאס. „איר רימט אלעמאל אדער איין זאך אדער אן אנדערע. האט איר אהערגעברענגט די חשבון־ביכער?"

„אט זענען זיי, מיין הערר."

„אלראיט. כ'וועל איבערבלעטערן דעם הויפט־ענין א מינוט־צוויי, און בשעת איך טו עס קענט איר אויסליידיקן דעם בייטל און זיך גרייט מאכן פאר מיר."

מיסטער פלעדזשבי האט זיך נאך א מאל אויסגעדרייט אין בעט מיט הנאה און ווידער איינגעשלאפן, פאלגנדיק זיינע אנווייזונגען, האט דער זקן זיך אנידערגעזעצט אויפן עק פון א שטול און אונטערן איינפלוס פון דער ווארעמקייט אליין גענומען דרימלען מיט פארלייגטע הענט. פלעדזשבי האט אים אויפגעוועקט, שטייענדיק ביים עק בעט אנגעטון אין טערקישע פאנטאפל, רויזן־קאלירטע טערקישע הויזן — וואס ר'האט אויפגעקויפט ביליק ביי איינעם, וועלכער האט זיי אויסגענארט ביי אן אנדערן — און אין א שלאף־ראק, אין אט דעם קאסטיום איז ער געווען געקליידט, נישט צו ווינטשן זיך בעסער, אויב ער וואלט נאר ווייטער געווען אויסגעשטאט מיט אן אומענדלעך־טיפער שטול, א לאמטערן און א פעקל צינדערלעך.

„העי, אלטער!" האט פאטיניישאן א געשריי געטון, מיט לייכטן שפאט, „וואס פאר א נייער תירוץ איז אייך איינגעפאלן אזוי זיצנדיק מיט די אויגן פארמאכט? איר שלאפט דאך נישט."

„באמת, מיין הערר, כ'האב איינגעדרימלט," האט דער זקן געזאגט.

„נישט איר!" האט פלעדזשבי אים אפגעשטויסן, מיט א כיטרע בליק. „עס איז א קלוגער צוג ביי אסך פארשוינען, אבער ס'וועט מיך נישט אפנארן. נישט קיין שלעכטער גאנג, אויב מ'וויל מאכן א גוט מסחר. יא, יא, איר זענט א שקרן!"

דער זקן האט געשאקלט מיטן קאפ, מילד אפווארפנדיק די באשולדיקונג און אונטערדריקנדיק א זיפץ, האט ער זיך צוגערוקט צום טיש, ביי וועלכן פלעדזשבי האט זיך איצט אנגעגאסן א טעפעלע הייסע, גוטע קאווע פון א טאפ, וואס איז געשטאנען גרייט פאר דעם צוועק ביים אויוון. ס'איז שוין איינמאל געווען א ספעקטאקל צו זען דעם יונגנמאן אויף זיין באקוועמער שטול, טרינקענדיק קאווע און דעם אלטן מאן מיטן גרויען קאפ איינגעבויגן שטייענדיק ווארטנדיק אויף זיין באפעל.

„איצט דערלאנגט אהער דעם סך־הנשאר, און ווייזט מיר אויף וויאזוי איר מאכט דעם חשבון און נישט מער. קודם־כל, צינדט אן דעם ליכט."

רעיה האט געטון ווי באפוילן, און דערנאך ארויסגענומען פון זיך א בייטל און פאררופנדיק זיך אויף דעם סך־הכל אין די חשבונות, פאר וועלכע

ר׳איז געווען פאראנטווארטלעך, האט אויסגעציילט דאס געלט אויפן טיש. פלעדזשבי האט עס ווידער איבערגעציילט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, און געקלונגען יעדע גאלדענע מטבע.

נעמענדיק איינע אין דער האנט אריין זי נענטער צו באטראכטן, האט ער א פרעג געטון דעם אלטן, „איר האט נישט אמאל לייכטער געמאכט וועלכע עס איז פון די דאזיקע? ס׳איז דאך א פאך ביי אייערע לייט. איר פארשטייט וואס עס הייסט שוויצן א פונט, הא?"

„גענוי אזוי ווי איר אליין, מיין הערר," האט דער זקן אים געענטפערט, ווי ר׳איז אזוי געשטאנען ביים טיש, קוקנדיק מיט אונטערטעניקייט זיין בעל־הבית אין די אויגן אריין. „מעג איך מיר נעמען די דערלויבעניש עפעס צו זאגן?"

„איר מעגט," האט פלעדזשבי כמו גנעדיק נאכגעגעבן.

„מיין הערר, אן בדעה עס צו האבן — זיכער אן א כוונה — מישט איר נישט טיילמאל אויס דעם כאראקטער, וועלכן איך דערוואָרב מיר ערלעך ביי אייך אין געשעפט, מיטן כאראקטער, וועלכן עס איז אייער פאליטיק כ׳זאל האבן?"

„מיר לוינט זיך עס נישט ארייצוגיין אין אזעלכע חקירות," האט פאסי־ניישאן קאלט געענטפערט.

„נישט ווען ס׳איז א פראגע פון גערעכטיקייט?"

„צום טייוול מיט גערעכטיקייט!" האט פלעדזשבי געזאגט.

„נישט ווען ס׳האט צו טון מיט גרויסמוטיקייט?"

„יידן און גרויסמוטיקייט?" האט פלעדזשבי געשפאט. „דאס איז שוין איינמאל א סמיכת־הפרשה! נעמט ארויס אייערע סערטיפיקאטן, און רעדט נישט מיט מיר קיין פוסטע חניפה רייד פון א ירושלים של מעלה."

ר׳האט ארויסגענומען די סערטיפיקאטן, און אין משך פון דער נעכ־סטער האלבער שעה האט מיסטער פלעדזשבי זיך קאנצענטרירט איבער זיי. זיי און די חשבונות זענען אלע געווען אין ארדנונג, און די ביכער און די פאפירן האבן ווידער פארנומען זייער ארט אין בייטל . . ."

* * *

„דער נאמען פונם מלווה איז רעיה," האט מיסטער פלעדזשבי געזאגט מיט אויסגעשפראכן אן אומבויגזאמען אקצענט אויפן נאמען. „סעינט מערי אקס, פאבסי און קאמפאני."

„אהא," האט אויסגערופן מיסיס לאמל, קלאמערנדיק זיך די הענט מיט אן ארט ווילדקייט. „פאפסי און קאמפאני!"

„די טענות פונם ווייבלעכן —" האט מר. פלעדזשבי אנגעהויבן, און געבליבן שטעקן אזוי לאנג אויף א ווארט ממשיך צו זיין, אז מיסיס לאמל האט אים זיס אנגעבאטן, „הארץ?"

„ניין," האט מר. פלעדזשבי געזאגט, „מין — איז צו וואס א מאן האט א חוב זיך צוצוהערן, און הלואי וואלט עס געווען אפהענגיק פון מיר. נאר דער דאזיקער רעיה איז אזא פאסקודנע בריאה, מיסיס לאמל; ער איז עס באמת."

„אבער נישט ווען איר וועט רעדן מיט אים, ליבער מר. פלעדזשבי."

„כ׳שווער עס ביי מיין לייב און לעבן!" האט פלעדזשבי געזאגט.

„פרובירט דאך. פרובירט נאך א מאל, ליבסטער מר. פלעדזשבי. צי איז דען עפעס אוממעגלעך פאר אייך, אויב איר ווילט נאר?"

„א דאנק אייך," זאגט פלעדזשבי, „עס איז באמת א קאמפלימענט פון אייך אזוי צו זאגן. אויף אייער פארלאנג, וועל איך מיך טאקע באמיען נאך א מאל. נאר פארשטייט זיך, אז איך קאן אייך נישט פארזיכערן וואס דער פועל־יוצא דערפון וועט זיין. רעיה איז א הארטער ביין, און ווען ער זאגט דאך צו עפעס צו טון, וועט ער עס טון."

„גענוי אזוי," האט מיסיס לאמל אויסגערופן, „און ווען ער זאגט, אז ער וועט אפווארטן, וועט ער אפווארטן" . . .

„איך מיין," האט מיס רען געענטפערט, זיך אנידערזעצנדיק ביים ייד, „אז דער פוקס האט ארייגעכאפט אזויפיל שמיץ, און אויב די הויט און די ביינער ברענען אים נישט אין אט דער רגע, האט נאך קיין פוקס קיינמאל נישט געהאט קיין ברענען, קיין ווייטאק און קיין שמארץ." מיט דעם האט מיס דזשעני אויסדערציילט וואס עס האט פאסירט אין אלבאני, בלויז אויס־לאזנדיק אייניקע קערנדלעך פעפער.

„און איצט וויל איך אייך עפעס פרעגן וועגן דעם וואס האט פאסירט דא אויף אט דעם ארט, זינט איך האב דא איבערגעלאזט דעם פוקס? די סבה דערפון איז וואס כ׳האב א געדאנק אזוי גרויס ווי א סטרולקע ארומ־קאלערן זיך ביי מיר אין קאפ. ערשטנס און איבערהויפט, זענט איר פאבסי און קאמפאני, אדער זענט איר איינער אדער דער אנדערער? זאגט עס מיר אויף אייער ערן־ווארט."

דער זקן האט געשאקלט מיטן קאפ.

„צווייטנס, איז פלעדזשבי ביידע פאבסי און קאמפאני, יא צי ניין?"

דער אלטער האט גענייגט מיטן קאפ אויף יא, ווייגערנדיק זיך.

„מיין געדאנק איז איצט די גרויס פון אן אראנזש," האט מיס רען אויס־געררופן. „נאר איידער ער ווערט נאך גרעסער, לאמיך אייך אפגעבן א ברוך־הבא צו אייער אהיימקומען!"

דאס קליינע וועזן האט געלייגט אירע ארעמס ארום דעם אלטנס האלז מיט גרויסן ערנסט, און אים א קוש געגעבן. מיט הכנעה בעט איך אייך מיר מוחל צו זיין. עס טוט מיר באמת לייד. איך האב געדארפט האבן בטחון אין אייך. נאר וואס האב איך געזאלט טון, אז איר האט אייך אליין נישט פאר־טיידיקט? ניין, דאס איז נישט קיין שום גערעכטפארטיקונג פון מיין זייט, אבער וואס האב איך מיר געזאלט משער זיין, אז איר האט געמאכט א שווייג צו אלעם וואס ער האט געזאגט? עס האט אויסגעזעען שלעכט, יא צי ניין?"

„ס׳האט אויסגעזעען אזוי שלעכט, דזשעני,“ האט דער זקן געענטפערט, מיט גרויס ערנסט, „אז איך וועל אייך גלייך זאגן וואס פאר אן איינדרוק עס האט אויף מיר געמאכט. איך בין מיר געווען העסלעך אין מיינע אייגענע אויגן. כ׳האב מיך אליין פיינט געקריגן דורך מיין ווערן אזוי העסלעך לגבי דעם בעל־חוב און אייך, אבער נאך מער ווי דאס, און אפילו ערגער ווי דאס — יענעם אוונט האב איך מיר אלץ איבערגעטראכט, זיצנדיק איינער אליין ביי מיר אין גארטן אויפן דאך, אז איך ברענג שאנדע אויף מיין אמונה און פאלק. צום ערשטן מאל אין לעבן האב איך עס קלאר איבערגעטראכט, אז מיט מיין נייגן דעם נאקן צום יאך, ווען כ׳בין געווען גרייט צו טראגן, האב איך געבויגן די אומוויליקע נאקנס פון גאנצן יידישן פאלק. ווארום אין קריסטלעכע לענדער איז עס נישט אזוי מיט יידן ווי מיט אנדערע פעלקער. מען זאגט ׳אט דער גריך איז א שלעכטער מענטש׳, אבער עס זענען פאראן גוטע גריכן. אט דער דאזיקער איז א שלעכטער טערק, אבער עס גיבט גוטע טערקן.׳ נישט אזוי מיט יידן. שלעכטע צווישן אונז געפינט מען גאנץ לייכט — ביי וועלכן פאלק ווערן די שלעכטע נישט לייכט אויסגעפונען? — נאר מען נעמט אן דעם ערגסט צווישן אונז פאר א מוסטער פונם בעסטן; מען נעמט דעם נידעריקסטן ביי אונז ווי ער וואלט רעפרעזענטירט די העכסטע; און מען זאגט, אז אלע יידן זענען גלייך. וואלט איך געווען א קריסט וואלט איך געקאנט טון אלץ, וואס כ׳האב געטון, און קיינעם נישט קאמפראמיטירט אחוץ מיך אליין. אבער אלס ייד און דערפאר וואס כ׳האב מיך געניטיקט אין געלט, האב איך ממש נישט געקאנט אנדערש ווי קאמפראמיטירן אלע יידן אין אלע לענדער. צום באדויערן, נאר דאס איז דער אמת. מיין איינציקער וואונטש איז, אז מענטשן אומעטום זאלן דאס האלטן אין קאפ! הגם איך האב כמעט נישט קיין רעכט דאס צו זאגן, היות כ׳בין געקומען צו אט דער איבערצייגונג אזוי שפעט.“

די פופע־שניידערין איז געזעסן און געהאלטן דעם זקן ביי דער האנט, קוקנדיק אים ערנסט אין די אויגן אריין.

„אט אזוי האב איך מיך פארטראכט יענעם אוונט ביי מיר אין גארטן אויפן דאך. די פיינלעכע סצענע איז כסדר געקומען פאר מיינע אויגן איין מאל נאכן אנדערן, איין מאל נאכן אנדערן. כ׳האב כסדר געזעען דעם ארימאן אזוי לייכט גלויבן די גאנצע מעשה, ווייל איך בין א ייד — אז איר האט אזוי לייכט געגלויבט די גאנצע מעשה, ווייל איך בין א ייד — אז דער וואס האט זי אויסגעטראכט האט אזוי געטון, ווייל איך בין א ייד. אט דאס איז געווען דער פועל־יוצא פון האבן אייך אלע דריי פאר מיר פנים־אל־פנים, און פון זעען די גאנצע זאך אזוי באשיינפערלעך קלאר ווי אין א טעאטער. ס׳איז מיר העריבער קלאר געווארן, אז עס איז מיין פליכט אוועקצוגיין פון דעם פאסטן. נאר ליבע דזשעני, „איבעררייסנדיק זיך, האט רעיה געזאגט, „כ׳האב דאך אייך צוגעזאגט אייך צו לאזן מיר שטעלן פראגן, און איך האב אייך גאר געשטערט.“



„פונקט פארקערט; מיין געדאנק איצט איז אזוי גרויס ווי א קירביס — און איר ווייסט דאך וואס א קירביס איז, הא? הייסט עס, אז איר האט אייך אפגעזאגט פון דער ארבעט און האט געהאלטן ביים אוועקגיין? גייט איר טאקע אוועק?“ האט מיס דזשעני געפרעגט, מיט א בליק פון גרויס אויפמערקזאמקייט.

„כ׳האב דיקטירט א בריוו צו מיין בעל־הבית. יא. אזוי איז עס.“

„און וואס האט געזאגט דער ברענענדיקער־ווארפנדיקער־שמארצנדיקער־שרייענדיקער־גראטשענדיקער־שארפזיניקער?“ האט געפרעגט מיס רען, מיט אויסדריקבארער צופרידנקייט אינם אויסרעכענען די אלע ערנהאפטע מיטלען און אין דערמאנען זיך דעם פעפער.

„ר׳האט מיך געצוואונגען צו בלייבן ביי אים אין דינסט נאך אפאר חדשים, ווייל אזוי האט דער קאנטראקט עס פארלאנגט. מארגן ענדיקן זיי זיך שוין. אזוי גיך ווי זיי ענדיקן זיך — נישט פריער — האב איך בדעה געהאט מיך אויסצוגלייכן מיט אייך.“

„מיין געדאנק ווערט שוין געוואלטיק גרויס“, האט מיס רען א געשריי געטון, אנכאפנדיק זיך פאר די שלייפן, „דער קאפ קען אים שוין כמעט נישט דערהאלטן! ביטע הערט וואס כ׳גיי אייך דערקלערן. דער כיטרע־אויגיקער — דאס הייסט דער שרייענדיקער־גראטשענדיקער־שארפזיניקער — האט פארדראס אויף אייך פארן אוועקגיין. דער כיטרע־אויגיקער מאכט זיך פלענער וויאזוי אייך אפצוצאלן דערפאר. דער כיטרע־אויגיקער טראכט פון ליזין. דער כיטרע־אויגיקער רעדט צו זיך אליין, ׳כ׳וועל אויסגעפינען וואו ער האלט דאס מיידל, און וועל פארראטן זיין סוד, ווייל דאס וועט אים קאסטן טייער׳. מעגלעך, אז דער כיטרע־אויגיקער טראכט אויך צו פארפירן מיט איר א ליבע, אבער וועגן דעם בין איך נישט גאנץ זיכער — וואס שייך דעם איבריקן בין איך יא זיכער. אזוי זשע קומט דער כיטרע־אויגיקער צו מיר, און איך גיי צום כיטרע־אויגיקן. אט דאס איז עס. און איצט אז די מערדעריי איז בולט אנטפלעקט, באדויער איך וואס כ׳האב אים נישט געגעבן קיין טערקישן פעפער מיט אנדערע געהאקטע ענלעכע געווירצן“ האט געזאגט די פופן־שניידערין, שטייף פון קאפ ביז די פיס מיט ענערגיע, שאקלענדיק איר קליינע פויסט פאר די אויגן.

אזויווי נאר א חלק פון אט דעם באדויער איז געווען רעיהן פארשטענדלעך, האט ער ווידער גענומען טראכטן פון די וואונדן, וואס פלעדזשבי האט געכאפט, און אנגוויזן ווי נייטיק ס׳איז גלייך אהינצוגיין צו יענעם און צו באהאנדלען יענעם געשלאגענעם כלב.

„ביטע, ביטע, ביטע, האט מיס רען געשריגן געררייצט, „כ׳וועל באלד פארלירן מיין געדולד מיט אייך. מען וואלט געקאנט מיינען, אז איר גלויבט אינם גוטן שומרוני. ווי קאנט איר זיין אזוי אומאויסגעהאלטן?“

„ליב דזשעני“, האט דער זקן גיטיק אנגעהויבן, „עס איז שוין אזא געוואוינהייט ביי מיין פאלק צו העלפן —“

„א רוח אין אייער פאלק אריין!‟ האט אים מיס רען אונטערגעבראכן, מיט א טרייסל מיטן קאפ, „אויב אייער פאלק פארשטייט נישט בעסער ווי צו גיין צוהילף דעם כיטרע־אויגיקן, איז עס א שאד וואס איר זענט ארויס פון מצרים. אחוץ דעם, ער וועט אפילו נישט אננעמען די אנגעבאטענע הילף. ער וועט זיך צופיל שעמען. ר׳וויל עס זאל אלץ בלייבן בסוד, און מ׳זאל עס נישט וויסן.‟

זיי האבן זיך נאך אלץ געשפארט איבער דעם ענין ווען א שאטן איז פארביי דעם אריינגאנג, און די גלעזערנע טיר האט אויפגעמאכט א שליח וואס האט אריינגעברענגט א בריוו, אדרעסירט אן צערעמאניעס, „רעיה‟. קיין שום ענטפער האט זיך נישט געפאדערט, האט דער שליח געזאגט.

דער בריוו, געשריבן מיט קאטשערעס און לאפעטעס ארויף און אראפ און קרום ארום די ווינקלען, האט זיך אזוי געלייענט:

„אלטער רעיה,

היות אל אייערע חשבונות שטימען, נעמט זשע דאס פעקל און גייט. פארשליסט ס׳געשעפט, פארלאזט עס די אותו רגע, און שיקט מיר אפ דעם שליסל מיטן שליח. הולד׳ט. איר זענט א יידישער אומדאנקבארער הונט. ארויס פונדאנען.‟

* * *

„כ׳מוז מיך אביסל אויסוויינען איידער איך קום צום גוטן מוט אויף תמיד,‟ האט דאס קליינע ווען געזאגט אריינקומענדיק „נאך אלעם א קינד איז א קינד.‟

זי האט געוויינט לענגער ווי מ׳האט געקאנט דערווארטן. דערנאך האט די שניידערין זיך אפגעוואשן ס׳פנים, און אויפגעשטעלט טיי. „אפשר וועט איר מיר עפעס אויסשניידן בשעת איך גרייט צו, הא? ס׳וועט אייך נישט אויסמאכן?‟ האט זי געפרעגט איר פריינט דעם ייד, מיט א פרנטלעכער מינע

„מיין ליב קינד,‟ האט דער זקן איר מכלומרשט פארגעווארפן, „איר וועט אייך קיינמאל נישט אויסרוען?‟

„אה, ס׳איז נישט קיין ארבעט, אויסצושניידן א מוסטער איז נישט,‟ האט געענטפערט מיס דזשעני, מיט איר קליינינקער שער שוין שניידנדיק עפעס א פאפיר. „דער אמת איז, כ׳וויל עס פעסטזעצן כל־זמן איך האב עס ריכטיק אין הער מחשבה.‟

„האט איר עס דען היינט געזעען?‟ האט רעיה געפרעגט.

„יא, גראד איצט. ס׳איז אן ארט העמד, וואס גלחים טראגן,‟ האט מיס דזשעני אים געגעבן צו דערקלערן,‟ נעמענדיק אין אנבאטראכט, אז ער גע־הערט צו אן אנדערער אמונה . . .‟

* * *

מיר האבן ציטירט א חלק פון שטלעס, וואס האבן צו טון מיט רעיהן,



אין דיקענסעס אייגענע ווערטער; גענוג צו באווייזן די נאבלקייט פון זיין כאראקטער. ווי דער שטייגער איז ביי דיקענסען זיינע גוטע טיפן שאפן א מוסר־השכל פון א גוטן סוף בעת זיינע שלעכטע טיפן, אויף וויפל זיי זאלן עס איז א שאד וואס רעיה האט נישט דערגרייכט צו אזא פאפולאריטעט ביים זיך נישט אנטרעפן אויף הצלחה, ליידן סוף כל סוף פון זייערע בייזע מעשים. עולם ווי זיין בייזער אנטי־טיפ פייגין.



זיצנדיק פון לינקס צו רעכטס: חיים נחמן ביאליק און חיים גרינבערג מיט קאמיטעט פון י. ל. פרץ־פעראיין אין לייפציק 1925

294

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 6־385) 32־סטער יאר מערץ־אפריל 1971, לאנדאן

אינהאלט:


חג־החרות, לכבוד פסח און דעם 19'טן אפריל ........ * * 3

שטעט און שטעטלעך ........ אסתר ערלעכמאן 13

פארגעסענע געשטאלטן, וויגן ליד (לידער) ........ עלא זילבערג 17

נאך קבורה ........ שמעון ווזעק 18

א טאפלטער ווונטש (ליד) ........ אייזיק גאלדבערג 20

צוריקגעקומען, פון פורים־רבס דרשות ........ א. נ. שטענצל 21

די אקטריסע עלען ווינאגראד ........ נעט רובין 32

עלעגיע נאך א פארלוירענעם עדווארד (ליד) ........ אסקאר טאפער 33

תפילין (ליד) ........ שאול טשערניכאווסקי 34


לאנדאנער קולטור ידיעות

יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאכמיטאגס

(יעדן שבת, 3 א זייגער בערנארד באראן סעטלמענט, הענריקעס סט. 33, א.1.)

---


אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־

7 Greatorex House, Greatorex Street, London, E.1, England


מיר בעטן אונזערע אבאנענטן, זיי זאלן צושיקן זייער אבאנא־מענט אפצאל. דערמיט וועלן זיי פיל פארלייכטערן אונזער אַ־בעט

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

